„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאָריס מייער

די איינציגע טעגליכע

אידישע ציימונג אין

אייראָפּא.



צו די חשובע לייִנער פון
„מאָרגן-זשורנאַל"
אין ענגלאַנד

איר קאָנט באַשטעלן דעם ניו־יאָרקער „מאָרגן־זשורנאַל" דורך אונזער לאָנדאָנער ביוראָ ווען איר שיקט (אין פּאָרויס) אַ טשעק אָדער אַ „מאָני־אָרדער" פֿאַרן אַבאָנאַמענט פון £3.17.6 אַ יאָר, אָדער £1.19.0 פאַר 6 חדשים. באַשטעלונגען אויף אַ קורצערן טערמין ווערן ניט אָנגענומען. שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אַדרעס (אין בלאָק־שריפט) און שיקט אייער באַשטעלונג אויף פאָלגענדן אַדרעס:

"Jewish Morning Journal"
of New-York,
*London Bureau*: 66 Woodlands,
Golders Green, N.W.11
*Telephone*: SPEEDWELL 7935.



ניי-אידיש טעאטער

פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1

דירעקטאָריום: וו. קאָסאָף, ה. רייפעלזאָן, מרס. שאַפּיראָ.
טשערמאַן: מ. ביטלער. אָנפירונג: א. מייזעלס. האָנ. סעק.: א. ביטלער.

מאיר צעלניקער

און די קינסטלער קאָמפּאַניע לויט א"ב:

פרויען: אנא בוים, מארי גאָלדשטיין, קלאַראַ מייזעלס, מעטא סעגאל, אנא צעלניקער, מיני שערמאַן א.א.

מענער: מאָריס אַקסעלראָד, מאַקס בוים, פּאול גאָלדשטיין, דוד סעגאל, א. פוקס, שלמה קאָהן, יאָזעף שערמאַן, משר שאַפּירא, נייטען שווארץ, א.א.

מוזיק דירעקטאָר: פהיל בערנשטיין.

יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאָג געשלאָסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.


זעקסטער יאָרגאַנג — לאָנדאָן, יולי, 1946 — נומער 7 (העפט 78)


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט:


לכבוד אברהם רייזענען דעם בן־שבעים ** . . . 1
אַ געזינט זאַלבע אַכט, הוליעט בייזע ווינטן, מיין פריינט צו די
ווייסט? מיר ברעכן די וואַנט (לידער) אברהם רייזען 3
„אם אין אני לי מי לי" (דערציילונג) י. ביעטש. . 6
דוד המלך (אַ טריפּטיכאָן) א. נ. שטענצל . . 11
דער זינגער פון פרייהייט און ליבע (צו א. רייזענס 70־טן געבויערנטאָג)
יוסף הלל לעווי. . . . 18
איך בין צופרידן (פון דער סעריע איבערלעבענישן) משה עובד 32
אויפן פלאַס דע לאַ רעפּובליק (אַ סקיצע) אסתר קרייטמאַן 35
ר' משה דער שניידער (אַ לאָנדאָנער באַלאַדע) קיטי בראון 38
אונטערן שלאָס (אַ לעגענדע) ל. ש. קרעדיטאָר. 40
דער „ביג"־פייפער (אַ פעליטאָן) נחום שטענצל . 46
צו די באַגלייטער פון אונזער האַרציק לידעלע (ליד) משה עובד 48
(1) פאָלקלאָר און פאָלקס־ליד. (2) שווער צו זיין אַ ייד (רעדעס ביי די
שלום עליכם-פייערונגען) א. נ. ש. . . 48
אַ גרויסער שלום עליכם פאָלקס קאָנצערט (באַריכט) א. פ. . 53
די יידישע וועלטלעכע שולע ביים אַרבעטער־רינג (באַריכט) . 54
אַ קליין בלימעלע פון אַ מאָל, פרץ זילבערבערג . 55
פריינט פון יידיש לשון און די יידיש־וועלטלעכע שול (אויפרוף) . 57
פון יידישן פאָלקס־מויל (וויצן, גלייכווערטלעך און מעשה׳לעך)
שלמה גאָלדענבערג . . . 58
ידיעות מארבע כנפות הארץ . . . 61
קולטור ידיעות פון דאָ . . . 63
די „גרינע פעלדער" פון פרץ הירשביין (נאָטיץ) . . 64
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס . . 64



פרייז 1 שילינג

אבאנאמענט פאר דער יאר 13ש.און 6פּ.

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## צו די לייענער פון „לשון און לעבן“

1. דאָס פריערדיקע שטענצל־העפטל דער איצטיקער זשורנאַל „לשון און לעבן“, וועלכן מען האָט פריער נאָר געקענט קויפן אויף פאַרזאַמלונגען, אָדער מיד ליד פון מיטגלידער פון „פריינט פון יידיש לעבן“ קאָן מען איצטער קויפן כמעט אין אַלע בוכהאַנדלונגען אין ווייטשעפּל, ווי מאַזין, שאַפּיראָ־וואַלענשטיין עט קאָמפּ., מרס. גאָלוב, און אין פויעלס בוך־האַנדלונג, טשערינג קראָס רויד, וועסט. איר קענט אויך קריגן צוגעשטעלט מיט דער פּאָסט דירעקט צו זיך אַהיים דורך ווערן אַבאָנאַמענט. איר ברויכט נאָר אַריינצושיקן אייער אַדרעס מיט באַצאָלונג פאַר אַ יאָר אָדער האַלב יאָר צום סעקרעטאַר פון „פריינט פון יידיש־לשון“.

2. אונזערע חשובע אַבאָנענטן, וועלכע באַקומען שוין צוגעשטעלט זייט אייניקע חדשים אונזער זשורנאַל און האָבן נאָך נישט באַצאָלט דעם אַבאָנענטס־פּרייז, בעטן מיר זייער צו צושיקן די באַטרעפענדע סומע:

אַבאָנענטס־פּרייז: —13/6 פאַר אַ יאָר;
6/9 פאַר אַ האַלב יאָר;
3/6 פאַר 3 חדשים.

ווענדט זיך אין אַלע ענינים צו אונזער סעקרעטאַר א. פּאַלושאַק.
**E. Paluszak, 64, Lauriston Rd., E.9.**

3. מיר בעטן אונזערע פריינט און ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט זיי זאָלן אונז העלפן אין צושיקן אַדרעסן פון זייערע באַקאַנטע און פריינט, וועלכע קענען האָבן אַן אינטערעס פאַר אונזער זשורנאַל און אַזוי אַרום שטאַרקן אונזערע קולטורעלע אַרבעט. איר קענט פאַרשטיין, אַז ביי אונזערע לאָקאַלע באַדינגונגען, האָבן מיר נאָך נישט דעם נויטיקן אַדמיניסטראַטיוון און טעכנישן אַפּאַראַט, וואָס מען ברויך צום אויסבוי פאַר אַזאַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל. „לשון און לעבן“, וואָס האָט זיך דורך די אַלע שווערע מלחמה יאָרן מיט אַזוי פיל האָראָוואַניע און מי איינגעוואָרצלט אין אונזער אָרימען ישוב, און וואָס האָט געפונען אַ גוטן אָפּקלאַנג אויך מחוץ ענגלאַנד און מוז ווערן דער קנין און דאָס גייסטיקע אייגנטום פונם יידיש־רעדנדיקן ענגלאַנד.

די רעדאַקציע.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

זעקסטער יאָרגאַנג | לאָנדאָן, יולי, 1946 | נומער 7 (העפטל 78)

## לכבוד אברהם רייזענען דעם בן שבעים

מיט מענה־לשונדיקע אַלמנה־תחינות האָט שרה בת טובים קברים געמאָסטן און הימלען איינגעריסן, פאַר איר אַלט־פאַרזעסענעם אליהו דעם בחור, אַז גאָט ברוך הוא זאָל זיך שוין מרחם זיין און עפּעס רעכטס אים צו שיקן.

און דער אַלטיטשקער זיידע רבי מענדעלע איז ער זיך נישט כל ימיו, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן, געזעסן הויך אויף דער קעלניע און אונטער געקנעלט און אונטערגעשוויצט מיט זיין אייניקל, דעם קונדס, אַ לייט פון אים צו מאַכן.

און טאַטע פּרץ, הוילע רוחניות, דער „חוזר“ און דער מנגן און דער געוואַלטיקער בעל מוח: וויים איך וואָס, בני בית!.. וואָס אַן אשה דאָרט קאָן פאַרדרייען אַ ספּאָדיק... און די גראָבע פּיפּקעס, די פּרעסער די זרע של קימה מיט זייערע כסדרדיקע גהינום געשרייען: הב! הב!...

אָבער עס שטייט דאָך אָבער פאָרט „כרחם אב על בנים“! און מיר זיינען געוואָרן ברוך השם „אַ געזינד זאַלבע אַכט“, און דער עלטערער ברודער אונזערער איז אברהם רייזען.

און ער אונזער עלטערער ברודער האָט אויף זיך גענומען דעם עול המשפחה, די אחריות און די זאָרג, פון יעדן איינעם אַ פּאַלנעם מענטש צו מאַכן. זיין גאַנץ לעבן און זיין גאַנץ שאַפן האָט ער צוגעשניטן, — יהאָט ער אויף צאַפּלדיקע חלקים צעטיילט און צעשניטן! —לויט די נויטיקע חצטרכותן פון דער אָרימער משפחה.

איז דאָך פאַראַן אַ פאַרשמאַכט קינד אין אַ ווינקל וואָס רייסט זיך, אַז דאָס האַרץ ווערט צעריסן, כאָטש גענבן אים די ברוסט — איז אַ וויגן־לידל אויף דער גיך, צום טאַקט! און פאַר די גרעסערע וואָס חלשן אַ מוציא ברויט איז אַ מעשה דערציילט, מיט אַ וויצל, מיט אַ קיצל און מיט אַ שפּיצל, אַז דער הונגער זאָל זיי פאַרגיין.

און פאַרוואָס נישט פונם גרייטן, — און ס'איז דאָך דאָ קיין עין הרע אַזויפיל שוין אייגנס און גרייטס! — אַ כריסטעמאַטיע צוזאַמענגעשטעלט. טאַקע ווי ביי לייטן.

און געשמייעט און געפּאָרעט מיט כל התחבולות די מחיה אין הויז אַריינגעבראַכט און דעם לעצטן ביסן פונם מויל זיך אָפּגעשפּאָרט — אָ, אַז אַ ליטוואַק איז אַ גוטער איז צו אים קיין גלייכן נישטאָ. — —

און דאָס טריאָ נאָמבערג, רייזין, אַש איז געוואָרן דער ערשטער מזומן אין אונזער ליטעראַטור. און ווי וואונדערלעך און גלויביק האָט דאָס אָנגעקלונגען, אין דער אָרעמער פּאַרהונגערטער שטוב, זייער: „רבותי מיר ווילן בענטשן!“

אָ, ווען נישט דער עלטערער ברודער, ווען נישט זיין זאָרג און פאַרשמייעטקייט — —

און דערפאַר בענטשן מיר זיך אַזוי מיט זיין נאָמען! מיט טרערן אין די אויגן שרייב איך אויף דעם דאָזיגן זאַץ — — אַברהם רייזען האָט דאָך אַזוי ליב טרערן אין די אויגן!

און נישט נאָר האָט ער גוט־ברודערדיק אינדערשטיל געזאָרגט, דעם דאָס אונטערגערוקט, דעם דאָס געלייגט אין דער קעשענע אַריין, נאָר דעם טאַטן, דעם רזין דרזינדיקן דעם צעפלאַטערטן בעל מוח, אויף זיינע כסדרדיקע נסיעות צו אים, זאָל לעבן, האָט ער אים אין זיין טלית און תפילין זאַק, צו זיינע „רבינו־תם׳ס“ און זוהרל מיט אַריינגעשטופּט „אַ בולקע מיט פּוטער“.

און ווי באַנטשנדיק ער האָט דאָס געטון!

און זיין געוואַלטיקע פרייד, ווען די משפחה האָט זיך צעוואַקסן און שמחות געפּראַוועט! ווי געשפּיגלט האָט ער זיך אינם זיידנס שפּאַקולן, ווען דאָס אייניקל זיינס האָט קינדער און קינדס־קינדער אויסגעגעבן, ווער איז צו אים, צום עלטערן ברודער, גלייך געווען — — — — — ——

זיין האַרץ האָט געטאַנצט דאָס מצוה־טענצל מיט דער שכינה הקדושה, מיט דער נייער מוזע־מטרוניתא פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור.

אויף אַלע שבעה ימים האָט ער דאָס מצוה־טענצל געטאַנצט, ווי צעפלאַטערטע סטאַיעס פייגל איבער זיין קאָפּ האָבן געפלאַשעט זיינע קינסטלער לאָקן און זיין דיכטער־שלייף. און די דערוואַקסענע משפחה מיט קינד און קייט האָט זיך מיטגעפרייט. און ווי די בני הנביאים האָבן זיי באַגייסטערטע מיט אים מיטגעזונגען איבער אַלע שטעט און לענדער פון אייראָפּע ביז אַריבער איבערן אָקעאַן קיין ניו־יאָרק — — —

און ווער ווי ער אונזער עלטערער ברודער, אברהם רייזען איז באַרעכטיקט צו אַזאַ תמימותדיקע פרייד, מיט חדוה־טרערן אין די אויגן — ער האָט דאָך זי אויסגעהאָדעוועט, די אָרעמע משפחה אונזערע, און דעם מוח זיינעם אויסגעדאַרט און אויסגעטריקנט פאַר אונז.

כאָטש אַלעמען אַרומנעמען מיט די אויסגעשטרעקטע הענט און פון גרוים פרייד זיך צו צעוויינען.

אָבער, אַז אונזער אַלטער און גרויער ברודער האָט געמוזט דערלעבן, אַז אפילו זיין ערלעכסטע און איינפאַכסטע טענה:

„אויך ענג איז אין קבר
דאָך ליגט מען באַזונדער“.

איז מער נישט קיין איבערצייגנדיקע. וואָרים אפילו קיין ברידער־קברים, וואו



הענט און פיס כאָטש זאָלן ליגן צוזאַמען האָט מען נישט געגענט אונז — —

ווי קאָן מען עס נישט דערמאָנען אין טאָג פון זיין שמחה, אין טאָג פון אונזער אַלעמענס שמחה, ווען די אין טרויער פאַרוואַנדלטע טענה שטייט אונז אַלעמען תמיד פאַר די אויגן?

ליבער אברהם רייזען, דאָס אַליין אָבער, אַז מיר זיינען סוף כל סוף דאָך זוכה, אַז איר זענט אַ בן־שבעים, איז עס דאָך אויך ווי אַ סימפּטאָם פון אונזער נצחיות, אַז אייער לעבנס אַרבעט פאַר און אין דער יידישער ליטעראַטור וועט נישט גיין א״ז נ״וועץ, חלילה. ניין, עס וויל נישט זיין קיין טרייסט אַזאַ — אָבער אַ גלויבן אין אייער מי־פולן לעבנס ווערק און אין אייער שעפערישער אַרבעט! און מיר ווינטשן אייך נאָך לאַנגע שעפערישע יאָרן און אַז איר זאָלט דערלעבן און זען די נחמה וואָס וועט קומען איבער די מענטשן.

אברהם רייזען

## א געזונט זאלבע אכט

אַ געזינט זאַלבע אַכט,
און בעטן נאָר צוויי, —
און קומט אָן די נאַכט,
וואו שלאָפן דאַן זיי?

דריי מיטן טאַטן,
און דריי מיט דער מאַמען —
הענטלעך און פיסלעך,
געפלאָכטן צעזאַמען.

און קומט אָן די נאַכט,
מ׳דאַרף מאַכן די בעטן,
דאַן הויבט אָן די מוטער
דעם טויט אויף זיך בעטן.

זי מיינט מיט אַן אמת, —
עס איז ניט קיין וואונדער:
אויך ענג איז אין קבר,
דאָך ליגט מען באַזונדער.

* מיר דריקן די פיר רייזענשע לידער, וואָס דער בעל יובל האָט זיי געשריבן נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק, וועלכע מיר קענען זיי אַלע כמעט אויסנווייניק, אויף וועלכע מיר האָבן זיך דערצויגן און מיט וועלכע מיר האָבן זיך געטרייסט און געמוטיקט.

## הוליעט הוליעט בייזע ווינטן

הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן,
פריי באַהערשט די וועלט:
ברעכט די צווייגן, וואַרפט די בוימער,
טוט וואָס אייך געפעלט!

טרייבט די פייגל פון די וועלדער
און פאַריאָגט זיי פאָרט;
די וואָס קענען הויך ניט פליען, —
טויט זיי אויפן אָרט!

רייסט די לאָדן פון די הייזלעך,
שויבן ברעכט ארויס;
ברענט אַ ליכטל ערגיץ טונקל, —
לעשט מיט צאָרן אויס!

הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן,
איצט איז אייער צייט:
לאַנג וועט דוירן נאָך דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווייט!...

## מיין פריינט צי דו ווייסט?

מיין פריינט צי דו ווייסט,
וואָס הייסט און באַדרייט,
אַ ביטערע צייט?....
צי פילסטו וואָס הייסט
אַ פאָלק אין אַ צער,
אַ פאָלק אין געפאַר?...

אָט זעסטו ער קומט
מיט רציחה און רוט,
אָט הערסטו — ער ברומט,
און דאָרשט נאָך דיין בלוט,
און האָסט ניט וואוהין
נאָך רעטונג צו גיין,



נאָר סיידן צו אים;
צום שונא אַליין?!

צי פילסטו מיין פריינט,
וואָס איז דאָס אַזוינס,
אַ פאָלקל אַ קליינס
ווען גרויס איז דער פיינט?...
אָן וואָפן, אָן מוט,
און האָט ניט קיין שוץ,
און הפקר זיין גוטס,
און הפקר זיין בלוט!...

## מיר ברעכן די וואַנט

די אויגן פול צאָרן פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט —
מיר שטייען ביי אַ הויכער געמויערטער וואַנט,
מיט העק און מיט האַמערס און אייזן אין האַנט,
מיר ברעכן די וואַנט!

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ, —
אַ שטיין, צי אַ ציגל טרעפט וועמען אין קאָפּ;
די איבריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן ווייטער, מען לויפט ניט אַוועק —
מיר ברעכן די וואַנט!

די אַרבעט דאַרף דוירן, די אַרבעט איז שווער,
פאַרזאַמלט אייך ברידער, קומט אַלע אַהער,
זאָל יעדערע צוליינגן פעסטער זיין האַנט,
מיר וועלן די הויכע, די פינסטערע וואַנט —
צעברעכן, צעברעכן! צעברעכן!

## י. ביעטש

# „אם אין אני לי מי לי“

(געווידמעט אברהם רייזענען צו זיין 70־טן געבוירן־טאָג)

(דערציילונג)

שלמה ראָזענהאָלץ, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט גרויסע פאַרחלומטע בלויע אויגן און אַ ברייטן בלאַסן שטערן, וועלכער האָט זיך שטאַרק געקנייטש, בעת אָפּטון אַן אוואַנטורעלע, אַז דאָס שטעטל זאָל גיין אויף רעדלעך... זיין לענגלעך פּנים אַרומגענומען מיט אַ קליין שיטער שוואַרץ בערדל, האָט עס אויסגעזען אַזוי ווי אַ ראַם אַרום אַ שיינעם פּאָרטרעט. אינם שטעטל „ר“ אין פּוילן, האָט מען אים גערופן מיט דעם צונאָמען שלמה מזיק, מחמת צוויי טעמים. ראשית צוליב זיין ברייט געפּאָלדעוועטן שטערן, האָט דער עולם אים געהאַלטן פאַר אַ בעל־מוח, אַ קאָפּ מענטש, פאַר אַ גרויסן וויצלער און ווערטל־זאָגער, און נאָך אַ גרעסערער צולהכעיסניק. תמיד פאַרנומען דעם אויבן־אָן, און אויף יעדע זאַך געהאַט אַ גרייטן פּסוק אָבער אַמיינסטן האָט ער ליב געהאַט צו באַנוצן דעם זאַץ „אם אין אני לי מי לי“; דאָס האָט שוין פאַרענטפערט אַלעס בנוגע די צרה'דיקע צייט, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויפן שטעטל.

והשנית איז ער געווען אַ הויכער מיט שטאַרקע ברייטע פּלייצעס, און צוויי לאַנגע אייזערנע הענט, וועלכע האָבן געקענט דערלאַנגען, און טאַקע אויך דערלאַנגט. און די בעסטע צייט פאַר דעם זיינען געווען די פּריזיוו טעג, ווען ס'פלעגן זיך צונויפקומען די רעקרוטן פון די אַרומיגע דערפער, און אָנוואַרפן אַ פּחד אויף דעם יידישן עולם. אין אַזעלכע צייטן, ווען יעדער ייד האָט מורא געהאַט זיך צו ווייזן אין גאַס, איז שלמה מזיק געווען אויף דער וואַך. ער איז געווען אומעטום ווי מ'האָט געברויכט באַווייזן מיט די הענט און כח. אָבער לעצטנס פלעגט ער אַן אומרוהיקער זיצן ביים פענסטער אין זיין שטוב, מיט ברייט געעפנטע אויגן קוקנדיק פאַרטראַכט. ווי די פּויערישע פורן יאָגן זיך איינע נאָך דער צווייטע פונם זאַמדיקן באַרג אַראָפּ מיט רעש אַריין אין געסל.

דבורה זיין יונג ווייבל איז געזעסן אין אַ ווינקל פונם שטוב פונקט אַקעגן אים און געצירעוועט אַ זאָק, וואַרפנדיק אַלעמאָל אַן אומפאַרשטענדלעכן בליק אויף אים. זי האָט געוואָלט עפּעס אים מבשר זיין, זיך טיילן מיט אירע נייע געפילן, זי האָט עס אָבער נישט געטון, מחמת זיין אומרואיקייט אין האַרצן האָט זי אָבער דערפילט אַז עפּעס וועט פּאַסירן... דאָס שטעטל איז אין די פּריזיוו טעג געווען פול מיט סוד. און די ווייבער זיצנדיק פאַר די טירן האָבן צווישן זיך געשושקעט, אַז שלמה מזיק איז אין גאַנצן געראָטן אין זיין זיידן דעם אַלטן ר' עקיבא ראָזענהאָלץ, וועלכער איז געווען אינם שטעטל פאַררעכנט פאַר אַן אָנגעזעענעם מענטש און אַ גרויסער גבור. מיט אַ פּאַטש פון



זיינס אַ האַנט האָט דער שטאַרקסטער פּויער געזען פליענדיקע פונקען פאַר די אויגן, אַז ס'האָט אים אָפּגענומען דעם אַפּעטיט נאָך אַמאָל צו טשעפּן זיך, און טאַקע דורך דעם וואָס ער איז אין גאַנצן געווען געראָטן אינם זיידן האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

אין אַ פינצטערן נאָוועמבער אָוונט, ניינצן הונדערט אַכט, אַרום צען אַ זייגער איז שלמה מזיק געקומען אין לאָנדאָן. אַ שנייאיקער גראָבער רעגן האָט ווי מיט שאַרפע שפּיזלעך געפּאַטשט די אָנגעצונדענע לאָמפּן אין די גאַסן, וועלכע האָבן אין דעם שפּריצנדיקן פינסטערן אָוונט אויסגעזען ווי לאַנגע פאַרשלאָפענע פיגורן, געהילט אין טונקלנעם טיול. דער קאַלטער ווינטער ווינט האָט מיט רעש געטרייסלט די אָן אַ צאָל פענסטער, און מיט צאָרן זיך געוויקלט אַרום די הייזער פון די גרויסע שטאָט. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַזוי ווי עפּעס אַ טרויעריקע מענטשליכע נשמה וואָלט געקלאָגט און פאַרלאַנגט מען זאָל איר אַריינעמען אין שטוב, פון די קעלט און נאַסקייט. אַ שרעקלעך וועטער האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַן אמתע גאָטס שטראָף איז דאָס.

אַ מוראדיקע גרויסע איינזאַמקייט האָט אָנגענומען זיין נשמה. און אַ טיפע בענקשאַפט נאָך דעם שטעטל, וועלכעס האָט אין זיינע אויגן איצט אויסגעזען שבתדיק, דאָרטן אין עק גאַס שטייט די שטוב וואו ער איז געבוירן געוואָרן, און וואו זיין קינד וועט געבוירן ווערן. די שטוב, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון זיין עלטער זיידן ביז צו אים און ווי זיין מוטער פלעגט יעדן שבת פאַר הבדלה זיצן אין אַ ווינקל און פרום זאָגן גאָט פון אברהם. אַ קוואַל פון זכרונות האָבן זיך מיט אַמאָל אַ שפּאַר געטון אין זיין מחשבה פרייליכע און אומהיימליכע. פּלוצלונג לויפט אים דורך אַ געדאַנק, ער פאַרטראַכט זיך אַ רגע און גיט אַ שמייכל: אַ נאַרישקייט געדענקט זיך...

דאָס איז געווען מיט אַ צוויי יאָר צוריק, אין אַ זומערדיקן שבת פאַרנאַכט. די זון האָט שוין געהאַלטן אין פאַרגיין און דיקע שווערע שאָטנס האָבן זיך אין יעדן ווינקל געלייגט. די געסלעך זיינען שטיל און רואיק, די הייזלעך איינגעדרימלט. שאַרפע געשמאַקע ריחות פון די נאָנטע לאָנקעס פילן אָן די די לופט. און די שטיבן טינקן זיך אין אַ האַלב פינסטערקייט. איז פּלוצלונג זיין פאָטער געקומען און אים געטראָפן זיצן צוזאַמען מיט זיין כלה, וואָס איז געווען צו גאַסט, האַלטנדיק איינער זיין האַנט אין דעם צווייטנס. יאָ, אַ נאַרישקייט געדענקט זיך. ער האָט זיך געחידושט, וואָס עפּעס פונקט איצט אין דעם שווערן פוילן וועטער, איז דאָס אַלעס אים אַרויף אויפן רעיון. מאָדנע געדאַנקען האָט ער צו זיך געזאָגט, פון דעם וואָס מען וויל טראַכטן איז מען ווייט ווייט אַוועק... און ווי פיל ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון די שווערע מחשבות, און דעם פינסטערן קאַלטן אומעט, האָט ער דערפילט אַז ר'איז איינס מיט די שוואַרצע נאָוועמבער נעכט.

עס איז אים באַפאַלן אַן אימה פאַר עפּעס, וואָס ער האָט קיינמאָל פון דעם פריער נישט געדענקט. דעם סוד פון לעבן, פון עפּעס אַזוינס וואָס איז טיף באַהאַלטן אין דער מענטשליכער נשמה, אַזוינס וואָס קיינער, קיינער וועט

פון דעם קיינמאָל און אייביק נישט וויסן. ווילדע מחשבות האָבן געמורמלט און געבלויערט זיך אינם קאָפּ: אַז וועגן דעם, וועגן דעם תוך פון לעבן, איז אַלץ, אַלץ שטום... אַ שטומע וועלט! און אַ שטומער לעבן. אַ מיש מאַש פון געדאַנקען מטושטש אָן אַ פאָרם האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיינע מחשבות, אַז דאָס לעבן איז נישט אַזאַ ווי עס ב׳דאַרף צו זיין. עס איז אים געווען אויפן זינען, דער פסוק „אם אין אני לי מי לי"... יאָ דאָס איז דער עיקר געדאַנק, האָט ער ביי זיך געטראַכט. יעדער זוכט דאָס, וואָס היילט די נשמה. דורך זיינע חושים און פאַרקערט... ער האָט פּלוצלונג דערפילט עפּעס ווי אַ צוריקגעהאַלטענער כוח האָט אין אים אויפגעברויזט און געזוכט אַן אויסדרוק.

מיד און צעבראָכן פון וואַלגערן זיך אויף די פאַרשיידענע וואַגזאַלן, האָט שלמה מזיק זיך געאיילט צו קומען, וואָס שנעלער אויף דעם אָרט, וואָס אַ פריינט און לאַנדסמאַן, ׳האָט פאַר אים צוגעגרייט, ביי אַ מיסעס ליוואַ וועלכע האָט געהאַט אַ שם צווישן די יונגעלייט פאַר אירע גוטע און היימישע מאכלים וואָס זי פלעגט מאַכן. דאָס איז געווען אַ קליין ענג צימערל אַזש אויפן דריטן שטאָק. אַן אייזערנע בעטל איז געשטאַנען אַקעגן פענסטער און אַ זאָפקע איבערגעצויגן מיט ברוינע סעראַטע, וועלכע איז געווען שטאַרק אָפּגעריבן, און איינגעפאַלן אין דער מיט, איז געשטאַנען אַזוי ווי אַ דריי־עק אין אַ ווינקל פונם שטיבל. דאָס האָט אויף אים געמאַכט אַ שלעכטן אנײדרוק און אין זיין הארצן האָט זיך אַריינגעשלייכט אַ שטילער איידעלער טרויער. ער האָט זיך געוואונדערט וואָס טוט ער דאָ אין דעם קליינעם ענגן חדר. עס איז באַשטימט עפּעס אַ טעות. נאָר דאָס קלאַפּן פון אויטאָמאָבילן, פערד און דראָזשקעס, וועלכעס ׳האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ ווייטער גאַס, און אויף אַ רגע נישט אויפגעהערט, האָט זיך צוזאַמענגעמישט פון צייט צו צייט מיט דעם אויסקלאַפּן פון די שעהן פון דעם גרויסן שטאָט־זייגער „ביג בען", האָט אים דערמאָנט אַז ער איז אין לאָנדאָן. ער האָט דערפילט אַ שווערקייט און מאָדנע דושנע, ר׳האָט אויפגעמאַכט דאָס פענסטער און אַרויסגעקוקט. אַרום האָבן זיך נאָר געזען דעכער און קוימנס. די וואָלקנס ווי שוואַרצע נעפּלען זיינען געהאַנגען נידריק, אַזוי נידריק, אַז ס׳האָט זיך געדוכטן, אָט, אָט פאַלן זיי אַראָפּ.

מיט פאַרטויבטע חושים איז שלמה מזיק אַ שטיק נאַכט איינזאַם אַרומגענאַנגען אין זיין חדר און עפּעס געמורמלט פאַר זיך, דערביי בייסן דעם עק פון אַ בליישטיפט. צו האָט ער געוואָלט עפּעס שרייבן ווער ווייס? ער האָט זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטון אַז ר׳האַלט אין איין אומבאַוואוסטזיניקן איבערחזרן די זעלביקע ווערטער: „ואם לא עכשיו אימתי", אויב נישט איצט, ווען דען? וואָס איז אים אַלץ געקראָכן אין געדאַנק... אמידקייט האָט אים אַרום גענומען און איינגעדרימלט אויף דעם זאָפקעלע. די לבנה איז פון אַ שוואַרצן וואָלקן אַרויסגעשוואומען אַריינגעקוקט דורכן פענסטער, און געגאָסן זיין פּנים מיט אַ בלאַסן זילבער גלאַנץ. ווען שלמה מזיק האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ באַ־



רואיקטער, האָט שוין דער טאָג זיך געבראָכן איבער די דעכער פון די גרויסע שטאָט, כוואַליעס פון ליכט האָט פון דער פינסטערקייט זיך אַרויסגעשיילט און אָפּגעדעקט אַ שטיק הימל.

דאָ אין דעם ווינקל ביי די מיסעס ליוואַ, ווי עס זיינען יעדן טאָג געקורמען, און אַוועקגעגאַנגען אַלץ נייע צוגעפאָרענע יונגע לייט, האָט שלמה מזיק זיך באַקאַנט מיט אַ בחור וואָס האָט געאַרבעט אין אַ פּאַפּיראָסן פאַבריק, און אים דאָרטן געשאַפן אַ באַשעפטיקונג. אמת, עס זיינען געווען וואָכן, וואָס ער האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון אַ געשמאַקן מיטאָג, ספּעציעל ווען עס איז קיין אַרבייט נישט געווען. דאָס האָט אים אַזוי דערעסן, אַז ער האָט אָנגעהויבן זוכן פּלענער, וואָס זאָל באַפרידיקן זיין אינערליכן באַגער. זייענדיק פון דער נאַטור אַ ריריוודיקער, מיט אַ פעסטן ווילן, איז ער געווען זיכער, אַז ר׳וועט צו עפּעס דערגרייכן. עס וועט קומען, עס מוז קומען! אויב נישט איצט ווען דען? דער געדאַנק האָט אים געגעבן דעם שטויס אויסצונוצן יעדע געלעגנהייט פאַר זיין ציל. ער האָט גיך אויפגעכאַפּט די שפּראַך און מיט אַלע כחות געזוכט זיך צוצופּאַסן צום היגן ענגלישן לעבן. זייענדיק אַ פעהיקער מענטש, און האָבן אַ געניטער פּראַקטיקע אין מסחר פון דער היים, האָט שלמה מזיק זיך גענומען צום האַנדל. לכתחילה פלעגט ער געבן אויף באָרג פּאַפּיראָסן צו פריינט און באַקאַנטע. שפּעטער האָט ער אָנגעפאַנגען אַליין צו פאַבריצירן. ער האָט אויך בשותפות מיט זיין פריינט און לאַנדסמאַן, דער קורצער חיים, געעפנט אַ טאַבאַק סטאָר און אים שפּעטער אַרויסגעוואָרפן. אַזוי איז ער געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. ער האָט זיך איבערגעצויגן אין אַ גרויס וואוינונג, ביי רידזשענס פּאַרק. אַריבערגעבריינגט זיין ווייב מיטן קינד אַ יינגעלע פון אַ יאָר דריי.

די צייט איז געלאָפן און מיט איר, איז שלמה מזיק געשטיגן אַלץ העכער, און העכער, ביז ער איז געוואָרן אַ דירעקטאָר פון אַסך טאַבאַק געשעפטן, און דער הויפּט הייזער. ער האָט זיך איצט גערופן סעם ריזמאַן עס קאָמפּאַניע, געוואוינט האָט ער איצט שוין אין אַ שיין גרויס הויז אין צענטראַל הענדאָן. מיט זיינע נייע פריינט דירעקטאָרן און מענעדזשערס פלעגט ער נאָר ריידן וועגן ספּאָרט, גאָלף, אָבער צום ליבסטן „ביזנעס". און בשעת מעשה אָנצינדן די פייקע, וואָס ער האָט תמיד אין מויל געהאַלטן ווי אַן עכטער ענגלישמאַן. אויך זיין ווייב די פרומע נאַאיווע מרים, איז געוואָרן אַנדערש, און זיך געפירט ווי אַן עכטע ליידי, זי האָט שטאַרק ליב געקראָגן צו גיין צו ברידזש פּאַרטיס, און הנאה געהאַט פון אַ צופעליקן געפעפערטן קאָמפּלימענט דערביי זיך פּאַרויטעלט, אַרונטערלאָזנדיק אירע טיפע שוואַרץ ברענענדיקע אויגן; אויפן שפּאַציר מיטנעמען אירע ניי געקויפטע צוויי הינטעלעך און מיט גדלות שפּרייזן איבער די טראָטואַרן. זי האָט ביי זיך געטראַכט ווען די פריינט און ווייבער פונם שטעטל וואָלטן איר איצט געזען, אַ ברייטער שמייכל האָט זיך אויף איר פּנים אויסגעלייגט פאַר גרויס הנאה.

אמיינסטן פלעגט זיך טומלען ביי די ריזמאַנס פאַר קריסטמאַס צוגרייטנ־

דיק די „פּאַרטי“ צוליב דעם וואָס די קינדער קומען אַהיים פון קאָלעדזש. אירע רונדע באַקן מיט די חן גריבלעך האָבן געפלאַמט בשעת באַקן און פּרעגלען, אַקוראַט ווי אין די אַלטע היים ביים אויסלאָזן גענזן שמאַלץ און מאַכן לאַט־קעס. סעם ריזמאַן דער גרויסע דירעקטאָר פון אַסך געשעפטן, איז גע־שטאַנען און אויסגעקלאַפּט דאָס אַש פון זיין פּייקע, געוואָרפן אַ פאַרשנרן בליק אויף זיין ווייב, און נישט פאַרשטאַנען וואָס ס'איז געוואָרן מיט איר. תמיד איז זי „ביזי“ בייטאָג זוכן באַרגנס (מציאות), און אין די אָוונט גיין אויף בעלער, קאָנצערטן אַמוזיר פּלעצער. זי איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם רווישיקן לעבן, אַז זי האָט גאָר נישט באַמערקט ווי די יאָרן אַנטלויפן, און אירע קינדער זיינען פּלוצלינג אויסגעוואַקסן.

איינמאָל אין אַ קריסטמאַס אָוונט ווען די קינדער זיינען אַהיים געקומען, האָט מרס. ריזמאַן זיך דערוואוסט, אַז איר עלטסטער זון, בעני, האָט שטיל, אָן זייער וויסן, התונה געהאַט מיט דעם נישט יידיש מיידל, וואָס פלעגט תמיד אַזוי פריילעך פאַרברענגען ביי איר אין הויז, אויף די „פּאַרטים“.

ראשית האָט זי אָנגעהויבן חלשן, דער נאָך פאַרגראָבן די הענט, און געשריגן, אַז זי האָט געוואוסט אַז עפּעס וועט פּאַסירן... נאָר דאַרויף האָט זי זיך נישט גערעכט! און וואָס וועלן איצט אירע פריינט זאָגן, ספּעציעל מרס. בייטעלמאַן, וואָס איז גרייט געווען צו געבן איר טאָכטער אַסך טויזנטער נדן. אויך סעם ריזמאַן איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטער, אמת, אַז ער איז נישט אַזאַ פרומער און אָפּגעהיטענער ייד, אָבער עס מוז דאָך זיין אַ גרעניץ, און וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער איצט האָבן אין שול. ריזמאַן דער מאַכער, דער כל ולך, דער איינגעשפּאַרטער עקשן אַז די רעוורענדס זאָלן דווקא האַלטן די דרשות אין ענגליש, כדי דער יונגער עולם זאָלן וויסן אַז זיי זיינען יידן.

סעם ריזמאַן האָט קיינמאָל פריער נישט געזען דעם מהלך, וואָס ליגט צווישן אים און זיינע קינדער, וואָס ווילן ממש נישט וויסן פון יידישקייט. עס איז געווען קענטיק, אַז זיי האָבן זיך געשעמט אויסצוזאָגן אַז זיי זיינען יידן. די קנייטשן אויף זיין בלאַסן שטערן האָבן זיך טיפער איינגעשניטן. זיינע אויגן זיינען געוואָרן מאַטער, און האָבן אויסגעזען ווי צוויי אויסגע־לאָשענע לאָמפּן, וואָס וואַרטן אויף אַ נס. סעם ריזמאַן, איז די לעצטע צייט נישט אַרויס פונם הויז. און נאָך דעם געשעניש תמיד זיצן שעהן לאַנג ביים פענסטער פאַרטיפט אין רעיונות. עס האָט אָנגערוקט נאַכט. ווען זיין זון איז איינמאָל אומפאַרהאָפּט פּלוצלינג אַריינגעקומען, די לבנה האָט זיך פון ערגעץ אַרויסגערוקט און אַ בלאַסער שטראַל איז געפאַלן אויפן פאָטער און זון.

די לבנה האָט אים דערמאָנט אין עפּעס... אין פריערדיקן שטעטלדיקן צונאָמען „מזיק“. אַ טיפער צער האָט זיך געוויקלט אַרום זיין נשמה זיך הויך צו צעוויינען, אָדער זיין בענאָק דורס צו זיין, ווי אַמאָל אין דער היים אַ שטעטלדיקן שגץ. ער האָט זיך שטיל צעוויינט, אַז דער זון זיינער, דער בן יחיד זאָל נישט הערן, און שטיל געשעפּטשעט צו זיך די אַמאָליקע ווערטער: „אם אין אני לי מי לי“.



## א. נ. שטענצל

# דוד המלך

(אַ טריפּטיכאָן)

(געווידמעט אברהם רייזענען צום 70־טן געבוירנטאָג)

## ערשטער פליגל

I

ארויסגעריסן פונם לייבן־מויל,
אָבער אויף זיינע הענט ס'איז אויסגעגאַנגען,
האָט ער פון זיינע צאַרטע ביערדרעלעך
אַ באַסטרונעט האַרפּל גענומען שפּאַנען.

זיינען די בערג אַרום און די טעלער
פול געוואָרן מיט ליבלעכסטע געזאַנגען,
ווען אין די שאַריענס דער שחרית־ווינט
איז אין די שעפּסל־סטרונעלעך געגאַנגען.

און ווען אַראָפּצוקאָלערן דעם שטיין,
אַלע האָבן זיך פערזאַמלט ביים ברונען,
און פונם לייב דערציילן גענומען,
האָט זיך צווישן זיי ס'פּאַסטוכל געפונען:

„אויף מיר מן־הסתם, מיך צו פאַרציקן,
צוגעשלייכט האָבן דעם לייב'ס שריט, אודאי,
איז אים אויף האַלב וועג אַקייגנגעאיילט
דאָס ליבלעכסטע שעפּעלע פון מיין סטאַדע.

„און נישט נאָר מיין לעבן געראַטעוועט,
ס'האָט מיך געלערנט לאַשטשן מיין באַשערטע!
ווי האָט עס מיך געוואַרעמט אין די נעכט
און געטרייסט אין טעג, טרויעריק פאַרקלערטע.

„אייל איך אַקיגן, פריידיק און מוטיק,
דעם שטאַרקסטן שונא און די שענסטע פרויען!
מיט לעצטן פאַרגלאָץ נאָך פון די אויגן,
די ליבע ווי דעם טויט גאַנץ צו פאַרטרויען.“

און נאָך איידער אַראָפּ אים געקאָלערט
פונם מויל פון ברונען דעם שטיין דעם שווערן,

זיינען די סטאַדעס געשטילט שוין געווען,
דעם האַרפֿן געזאַנג שטיל זיך צו צו הערן.

אַ פֿאַרטוליעטע דעם קעניגס טאָכטער
איז אין די נעכט צו אים אַרויסגעקומען,
דעם שווערן שטיין פֿון איר פֿאַרדאָרשטיקט האַרץ
מיט זיין האַרף־געלאַשטשעע אַראָפּגענומען.

II

איז ער דער שטיינבאָק איבער די פֿעלדזן,
גאַנצע וועלט טראָגט ער אויף שפּיץ פֿון זיין האָרן;
פֿון זיין ליבע חלומען די פּרויען,
זיינע פֿיינט ציטערן פֿון זיין גרים־צאָרן.

פֿון דער שפּיז, וואָס ווערט אים נאָכגעשלידערט,
ווערט דערשטאָכן דער וואָס האָט זי געוואָרפֿן;
איבער תהומות טראָגן אים פֿליגל,
גלייך גאָט אַליין וואָלט זיין לעבן באַדאָרפֿן — —

יאָ, צו באַוואונדערן זיינע וואונדער,
און פֿון זיינע גרויסקייטן צו דערציילן!
צו זיין לויף, זיין ווילדן פֿאַרוואונדיקטן,
האָט גאָט אַליין געטון אים אויסדערוויילן:

„זע, דעם תהום פֿון מיינע אויגן, גאָט,
אַ שעפּסל וואָס קאָן דעם וועג נישט געפֿינען,
כ׳בין דער פּאַסטוך פֿאַרבלאָנקעט פֿון סטאַדע,
וואָס טיפֿסטער אָפּגרונט שוין איז זיין ענטרינען.

„פֿון דער ערשטער סטרונע פֿון מיין האַרפֿע
אַ שטיין־שלידער אַ מענטשן צו דערשלאָגן,
פֿון דער לעצטער אַ תליה־פּעטליע כאָטש
פֿאַר אייגן לעבן, נישט מער צו דערטראָגן.

„גאָט, ס׳געטוליע פֿון מיין האַרץ פֿאַר יעדן,
און פֿון יעטווידן ווי וואָל ס׳ווערט געשוירן!
און דער גרעסטער שונא פֿון מיין לעבן,
דאָס קינד מיינס וואָס מיין ווייב האָט מיר געבוירן”.



נאָר זייט יענעם טאָג, זייט דער נביא אים
פֿונם שעפּסעלע גענומען דערציילן,
רייסט זיך אַ שעפּטשן פֿון אונטער זיין האַרץ,
פֿעלדזן־קוועלעכלעך מיט מורמלדיק איילן.

ווי אין טאָל פּונקט ביי שטילע וואַסערן
ער וואָלט גערוט ווידער מיט זיינע לעמער,
זיין האַרץ — דער געשלאָגענער פּאַסטוך הונט,
אַ צעוואָיעטער אין לבנה־דעמער.

## דאָס מיטל־שטיק

I

ווען דאָס וואָיען נעמט הילכן אין די בערג,
באַגלייט ווי פֿון האַרפֿעס פֿון שטורעם־ווינטן,
טוליען זיי זיך ווי שאָף דערשראָקענע,
פֿון ווילדע וועלף נאָכגעיאָגטע פֿון הינטן.

איבער די פֿעלדזן די טונקלע וואָלקנס,
וואָל־געקרייזל, פֿון פּחד אויפֿגעשטעלטער;
מיט וועלפֿיש בלאַנקע ציין בליצט דער הימל
און די אייביק נייע מעשה דערציילט ער —

פֿונם בראַנד־אָפּער וואָס אָנגענומען,
אים אַליין אָבער האָט ברודער דערשלאָגן,
איז דער פּאַסטוך־הונט איבערגעבליבן
לבנה־נעכט אָנצופֿילן מיט קלאָגן:

יאָ, ס׳איז די אָפֿענע וואונד פֿון זיין האַר,
און דער מאַן מיט דער האַק טשאַטעט פֿון הינטן,
און תמיד קומט ער, אָבער און ווידער,
ביז ס׳בלוט פֿליסט איבער די טיפֿסטע אָפּגרינטן.

צוגעוואָרפֿן אַ ביין האָט דער מערדער,
און אויף אַלע פֿיר האָט ער זיך פֿאַרקראָכן — —
אָ, און ער וואַרט שוין זיך צו באַלעקן,
ווען ווידער דער האַר וועט ליגן דערשטאָכן.

אָ, וואָלט ער ביז צו הימלען אַרויף
זיין פֿאַרשאָלטענער צונג געקאָנט אויסשטרעקן,

און דעם לעצטן בלוט־טראָפּן פון זיין האר — — —
ווי ווילד די פולע לבנה נעכט שרעקן — — — — — —

ווען דאָס וואָיען נעמט הילכן אין די בערג,
באַגלייט פונם וועלפישן ציינער שאַרפן,
און קיין איין סטרונע נישט מער אויף זיין האַרף,
אַז דער שאַריען זאָל מילד אויף איר האַרפן,

בלייבט ער ליגן מיט תהום־אָפענעם בליק:
גאָט, איז דאָך כאָטש די שרעק אין אונז געבליבן!
אַז פאַר דיין וואָיענדיקן פאַסטוך־הונט,
דו האָסט מיין והאַרץ אין דיין גנאָד אויסגעקליבן.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

II

„ווי די פרייד פונקט פון די בערג־וואַסערלעך,
ווען די זון גייט אויף אין מילדן באַגינען,
אַזוי געוואַלטיק איז די פרייד אין מיר,
ווען ס׳בלוט פון מיין פאָלק איך שפּיר אין מיר רינען.

„גאָט, פון מיין זינד, פון מיין נידריקסטער נאָך,
אַ דערהויבענער ביזט מיר אויפגעגאַנגען,
אויסגעהאַקט דיך מיט אַ שפּיציקן דלאָט,
פון מיין האַרצן אַרויס מיט מיינע געזאַנגען.

„נישט אַן אויסגעהעמערטער פון גין־גאָלד
און נישט פון געהילץ־ווערק אַן אויסגעקריצטער,
ווי די נקמה אויף געשפּיצטן שפּיז,
ביזטו דו אין מיין געדאַנק אַן אויפגעבליצטער.

„זע, קינס־צייכן איז אויף מיין שטערן —
אַלע מענטשן קינדער פון אים מיר שטאַמען!
אָבער אין מיין ברענענדיקסטן געדאַנק
כ׳גיי אויף פאַר דיר, הבל׳ס שעפּסל אין פלאַמען — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
„דערמאָלט ווי גערשטן פונקט אינם מעסטל
כ׳האָב אָפּגעמאָסטן צוויי דריטל צום טויטן,
געשפּירט כ׳האָב ס׳בלוט פון די גערשטן קלייבער,
ווען ס׳אַקער־אייז אויף שווערט זיי פאַרבייטן.



„ווען אָבער דאָס בלוט פון מיין פאָלק דערשפּירט,
האָב איך דאָס דריטל געמאָסטן צום לעבן — —
נישט פון די מענטשן — און נישט פון דיר, גאָט,
בעט איך דערפאַר פאַגעלטן און פאַרגעבן.

דרעש מיך ווי מען דרעשט די גערשטן־זאַנגען,
כ׳ווייס מיין דריטל אין מיר וועט אייביק בלייבן,
ווייל כ׳האָב דערשפּירט אין מיר ס׳בלוט פון מיין פאָלק
צו פילן די וועלט מיט גנאָד און מיט גלייבן.

„זע, קינס-צייכן איז אויף מיין שטערן,
טיף און שטייף אין די פאַלטן איינגעשניטן,
צאָל מיר גאָט פאַר מיין גוטס ווי פאַר מיין שלעכטס,
נאָר קיינמאָל גאַנץ נישט צו ווערן פאַרשניטן“.

III

און אַ שלײַדער ס׳וואָלט געלעגן אַ שטיין,
אין ווייטסטן ציל־פונקט געוואָרפן צו ווערן,
זעט אוים זיין קאָפּ אין די טיפע פאַלטן,
ברייט געקאַרבטע איבער געביילטן שטערן.

און אָט האַלט ער אים איןביידע הענט שוין,
צו שליידערן און אינם ציל צו טרעפן;
וואָסער סוד פאַר דורות מוז דאָס ליגן,
אין אַזאַ האַלב־פאַרמאַכט אויגן־געעפן — —

שטיל ציטערן זיינע פינגער שפּיצן
אין דעם טיפן געקאַרב פון שטערן פאַלטן,
ווי זשעדנע זוכן זיי וואָלטן עפּעס
וואָס פאַר ווייטע צייטן ס׳ליגט וואו באַהאַלטן:

יאָ, דער יוסף־חלום, דער בלוטיקער,
אַלע גערשטן-בינטלעך צו זיך צו נייגן;
יהודה אָבער איז דער שטאָלצער לייב,
אַ לעמעלע זיך טוליענדיק צו לייגן.

עס בויערט דער זוימען טיף אין דער ערד,
אין צווייען זי צו טיילן און צו שפּאַלטן;

מיט בויערדיקע הערנער דער באַראַן
די סטאַדע אַזוי צוזאַמענגעהאַלטן — — —

ווי גוט ס׳איז די שעפּעלעך צוזאַמלען,
מיט אַ פּייפל און מיט טוליענדיק האַרפן ;
הינט אָבער אַז מ׳מוז שוין אויף זיי העצן,
און ס׳מעסער אויף שוואַכן שעפּעלע שאַרפן —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון נצחונות אַן אויסגעמאַטערטער,
זיצט דער הערשער פון ישראל אַ מידער,
זיין ברייט געקאַרבטער געביילטער שטערן,
צוזאַמענגעדרייטע הערנער פון אַ ווידער.

און די פאַלטן אויף אים — דיקע סטרונעס,
אויפצוברומען געשפּאַנטע, פעסט און זיכער,
נאָר נישט פון נאָנט שאַריען ווינטל מער —
פון ווייט אָנפליענדיקן ווילדן וויכער !

## צווייטער פליגל

I

און ווען אין זיין קאַלטער ציטערדיקער
אבישג׳ס האַנט ער האָט ליבליך געהאַלטן,
האָבן שטראַלנדיקע זיך אויסגעגלעט
אין זיין פנים די האַרטע שטרענגע פאַלטן.

און ווען געקושט זי האָט זיין גרויען קאָפּ,
אַ מידער אויף איר אַקסל ר׳איז געזונקן — —
ווי דורכן אַראָפּגעבלאָזענעם אַש
עס רייסן זיך אַדורך די לעצטע פונקן,

האָבן מילד זיינע אויגן אויפגעקוקט,
דורכן זשמור פון די צעפּלאָשעטע ברעמען ;
זיין פאַרלאָשן האַרץ אַן אָנגעצונדנס
אין איר מיידליש רויטלעכן פאַרשעמען :

„וועל איך געפינען אַ ליבלעך וואָרט נאָך,
נישט אַרויסגעברענגט שוין אויף מיינע ליפּן ?
אַז אין האַרעם מיינע פרויען זיינען
אַ סך מער ווי די צאָל פון מיינע ריפּן.



„נישט אַ ריפּ — פון האַרצן מיינעם
עס האָט דיך גאָט פאַר מיר אויסגעשניטן,
אַז דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ אין מיין לייב,
מיט אַ פרישס ער האָט צוריק אויסגעביטן.

„ווי וואַרעם דו פלאַטערסט אין מיינע הענט,
ווי די תפילה פונקט וואָס איך האָב געבעטן !
פול איז מיין לייב מיט גוטסקייט און מיט פרייד,
זייט דו האָסט מיין שוועל אַריבערגעטרעטן.“

נישט קיין בייזער הערשער, קיין קעניג מער —
ר׳איז ווידער ווי אַמאָל דער האַרפן־זינגער !
פון איר טאַליע אַרוים, איר שלאַנקער לייב,
אין טוליע־געציטער פון זיינע פינגער — —

ס׳טרונעס באַוועגן זיך אירע ריפּן
אויסצוגיין שיער פון אַזויפיל דערקוויקן — — —
נאָר ווי פון יענער שאַרף־געשפּיצטער שפּיז,
היט ער זיך פאַר אירע פאַרשעמטע בליקן — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

II

אין דער שייד איינגעשטעקט זיין שאַרפע קלינג
און זיינע ווייבער — אין די פרויען הייזער ;
דערשראָקענע אַרום די שרים :
דער קעניג קניט — אַ קנעכט פאַר זיין אויסלייזער !

אויף זיין פאַרשפּיצטער פּלייצע, אויף אַ שפּיז,
ער וואָלט זיין אייגענעם קאָפּ איצט געטראָגן,
זעט ער אויס אין דרייען אַ געבוקטער,
אינמיטן זיין תפילהדיק שטילן זאָגן — —

אַ פחד וואַרפט אָן אויף זיי אַלעמען
דער געשטרעק פון זיינע הענט זיינע אויסגעשפּרייטע —
אַ בלינדער מיט טאַפּנדיקע פינגער,
מיט אויגן, פאַרגלאָצטע, איבערגעדרייטע :

„גאָט, דיין טיפן טרויער כ׳האָב דערשפּירט,
ווי די פויסט פונם מעכטיקסטן באַצווינגער,

שטיי איך פאַר דיר, אויף וואַקל פון קניען,
פונם מינדסטן קנעכט טויזנט מאָל נאָך גרינגער.

„גאָט, אַ האַרף אין דיין שוים איז מיין לעבן,
צווישן די סטרונעס גייען מיינע פינגער,
ווי פון די לעמער דעמלט פאַר שאול׳ן,
פון מיין פאָלק אַרויס כ׳בין פאַר דיר דער זינגער.

„און ביז טרעפן אין ציל עס וועט דער שפּיז,
וואָס אין אונז אַריין האָלטסט אין איין וואַרפן,
כ׳וועל שטיין אַ געבויגענער פאַר דיר, גאָט,
און מיינע פינגער וועלן פאַר דיר האַרפן —".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

געוואָרפן דעם שפּיז שוין און געטראָפן,
גאָטס טרויריקייט דערפון איז אומגעהויער!
גייט זי — אַ פאַרגליווערטע האַנט,
אויפגעציטערט מיטן אייביקן דויער — — —

אָ, אַז דאָס האַרפן־געציטער אַצינד
רינט פון אונטער אונזער האַרצן אַ פויער,
צו שטילן גאָטס צאָרן איבערן מענטש,
און פונם פאַרפייניקטן פאָלק דעם טרויער.

## יוסף הלל לעווי

# דער זינגער פון פרייהייט און ליבע

(צו א. רייזנס 70־טן געבוירנטאָג)

אפילו די שענסטע פראַזן זענען ניט בכח איבערצוגעבן פון אַן אמתן דיכטער דאָס מיטלמעסיגסטע ליד.

עס זענען פאַראַנען דריי מינים דיכטער: צום ערשטן געהערן די דאָזיקע, וואָס ווערן פון גייסט באַצוואונגען צום זינגען, צום צווייטן מין געהערן די וואָס ווערן פון האַרץ באַצוואונגען צום זינגען, — און צום דריטן מין געהערן די, וואָס באַצווינגען אַליין זייער האַרץ און גייסט צום זינגען.

בלי שום ספק קענען אַלע דריי מינים דיכטער גרויס זיין, ווען זייער דיכטערישע ווירטואָזיטעט באַלאַנסירט מיט זייער טעמאַטיק: און די טעמאַטיק מיט זייערע בילדער, געדאַנקען און געפילן...

און אַזוי ווי עס זענען פאַראַנען פאַרשיידענע מינים דיכטער, זענען אויך פאַראַנען פאַרשיידענע מינים לייענער. מחמת ניט צו יעדן לייענער אַפּעלירט יעדער דיכטער.



עס איז קלאָר, אַז צו דעם סאָציאַל־געדריקטן מענטשן וועט אַסך בעסער אַפּעלירן דער האַרצנס־דיכטער, וואָס ווערט פון זיין סאָציאַלער טעמאַטיק באַצוואונגען צום זינגען, איידער דער דיכטער וואָס באַצווינגט זיין טעמע. פון דעם רעטאָריקער שוין אין גאַנצן אָפּגערעדט.

און ווייל דאָס יידישע פאָלק בכלל און דער יידישער פּראָלעטאַריער בפרט, באַלאַנגען צו דעם אַמשווערסטן אונטערגעדריקטן און געליטענעם מין מענטשן, דערפאַר אַפּעלירן תמיד אַמשטאַרקסטן צו זיי — די לירישע דיכטער פון פאָלק.

און צו דעם סאָרט געהערט טאַקע אברהם רייזען.

עס מוז אויך אַן אונטערשיד געמאַכט ווערן צווישן פאָלקדיכטער, און דיכטער פון פאָלק. דער אמתער פאָלקדיכטער איז דער דאָזיקער, וואָס איז ביכולת אין זיך תופס צו זיין און האַרמאָניזירן די אַלע מאָטיוון, געדאַנקען, בילדער און געפילן וואָס קומען אַן סטיכיש פון דער פאָלק־נשמה אין דער זייניקער אַריינצודרינגען... דער דיכטער פון פאָלק אָבער, וועבט אַליין זיינע מאָטיוון, געדאַנקען, בילדער און געפילן, נאָר שוין אַסך קאָמפּליצירטער און ראַפינירטער, הגם אויך נאָך אין גוסט פון פאָלק און אין פאָלקסאידיאָם.

דער פאָלקס־דיכטער געפינט זיך תמיד אויף איין מדרגה מיט דער פאָלקסמאַסע, — אירע געדאַנקען, געפילן, בענקשאַפטן, חלומות, האָפנונגען, אַנטוישונגען און שטרעבונגען, זענען אויך די זייניקע. אָבער דער דיכטער פון פאָלק, הויבט זיך אויף איבער דעם פאָלק — און דערהויבט דאָס פאָלק צו זיך. זיינע מאָטיוון נעמט ער אויך פון פאָלק נאָר ער באַהויכט זיי מיט זיין אינדיווידואַליטעט, און ניט נאָר דער פאָלקס־מאָטיוו ווערט תמיד זיין מאָטיוו וואָס איז אויף אים משפיע צום זינגען, נייערט זיין מאָטיוו ווערט דאָס רוב דער מאָטיוו וועלכן דאָס פאָלק זינגט תמיד...

ביז צו רייזען האָט מען געשריבן לידער אין יידיש — ערשט ער האָט אָנגעהויבן צו דיכטן אמתע יידישע לידער און טאַקע דערפאַר איז ער אַזוי באַליבט און איינגעפלאָכטן געוואָרן אין דער פאָלקס־נשמה.

א. רייזין איז ניט נאָר דער דיכטער פון פאָלק, נאָר זער אָפט אויך דער אמתער פאָלקס־דיכטער, מחמת ביידע עלעמענטן זענען אין אים פאַראייניקט. דערפאַר איז זיין ליד געוואָרן אַזאַ פיינער געמיש פון פאָלקסטום און אינדיווידואַליטעט.

אויף אַ גאַנץ זעלטזאַמען אייגנאַרטיקן אַנדערן אופן ווי זיינע צייטגענאָסן: באַוושאָווער, עדעלשטאַט, ווינטשעווסקי, פּרוג, ביאַליק און מ. ראָזענפעלד האָט רייזין געפאָרעמט און געשטאַלטיקט זיין ליד.

דער ערשטער איז געווען אַ דורכאויס סאָציאַלער דיכטער, דער צווייטער אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, דער דריטער — אַ געמיש פון די ערשטע צוויי, נאָר מיט אַ פיל קולטווירטערע ווערזיפיקאַציע און טיפערע געדאַנקען; הגם ער איז צו זייער עקספּרעסיווקייט און שטאַרקער עמאָציע קיינמאָל ניט דער־

לאַנגט ; אַדאַנק זייער דראַסטישן סאַציאַלן פּראָטעסט, קראַסן בילד און אומ־מיטלבאַרער קלאַסנפאַרבונדנקייט...

פרוג איז געווען אַ מוסטערהאַפטער רעטאָריקער, וואָס זיין פינאַל איז תמיד געווען אַ טיף נאַציאָנאַלע עמאָציע... ביאַליק ווידער אַ געוואַלטיקער געפילסדיכטער, אַ גרויסער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנער, באַפלינגלט מיט די הויכע געדאַנקען און טיפע וויזיעס פון די נביאים ; אָבער ער האָט ניט באַ־וויזן זיי אַריבערצושטייגן, נאָר אין העכסטן און אין בעסטן פאַל — זייער ליד ווייטער געזונגען, זיך תמיד באַשטרעבט זיי אַריבער צוזינגען, אָבער דאָס רוב זיך מיט זיי נאָר צענויפגעזונגען. נאָר אין איינצעלנע פּאָעמעס איז עס אים געלונגען — ווי „אין שחיטה־שטאָט" און אין „המתמיד".

דער לעצטער פון זיי איז געווען אַ וואונדערבאַרער „שניידער־געזעל", — וואָס די דיכטקונסט האָט זיך פאַרליבט אין אים ; און ער האָט זיך צו דער דאָזיקער אָפּגעגעבן מיט דער גרעסטער ליידנשאַפט פון זיין שווערן לעבן, וואָס האָט נאָך זיך צוריקגעלאָזן דאָס גרויסע סאָציאַלע ליד וואָס האָט דאָן אָפּגעקלונגען אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט !...

און א. רייזין צו לאַנגע יאָר — דער יינגסטער פון זיינע צייטגענאָסן, האָט זיי אַלע אין זיך אַבסאָרבירט, און אַרויס פון זייער פאַרכשופטן קרייז דער אינדיווידועלסטער, מיט די אינטימסטע און פיינסטע קורץ־שורותדיקע לידלעך. און ווען אויך ניט תמיד מיט די טיפסטע געדאַנקען, — דערפאַר אָבער מיט די טיפסטע מענטשלעכע געפילן...

אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָט ש. ניגער אַמאָל אָנגערופן רייזענען — „דער זינגער פון גרויען אומעט און נויט". איך האַלט דאָס אָבער פאַר דורכאויס ניט גאַנץ ריכטיק, מחמת א. רייזין האָט דעם אומעט מיט דער גרויער נויט ניט באַזונגען, — נאָר דער אומעט מיט דער נויט האָבן פון אים אַרויסגעזונגען... און דאָס איז אַ גרויסער חלוק, — ווייל ניט דער דיכטער איז געפאַלן אַ באַגייסטערטער צו זיינע לידער, נייערט זיינע לידער האָבן אים אויפגעהויבן און באַגייסטערט...

דערפאַר קען מען ניט זאָגן אַז ער איז „דער זינגער פון אומעט און נויט" ; פיל ריכטיקער איז, אַז פון דעם גרויען אומעט און נויט האָט ער גע־וועבט זיינע געזאַנגען. דאָס מיינט אָבער לחלוטין ניט אַז רייזנס געזאַנג איז גרוי, ווייל ער האָט גרוי געזונגען. דוקא איז דער גרויער מאָנאָטאָנער אומעט און נויט ביי אים אַזוי פאַרבנרייך, קלאַנגפול און פאַרשיידנאַרטיק, אַרויסגעקומען, ווייל די דאָזיקע „מאָנאָטאָנע גרויקייט און נויט" האָבן ניהי־לירט זיין געזאַנג...

דאָס איז אָבער ניט רייזנס אמתע גאַמע, מחמת דער עיקר איז זיין קאָמערטאָן געווען — ליבע, פרייהייט, האָפנונג און גלויבן, יאָ, אומענדלעכן גלויבן אָן דער מענטשלעכער גוטסקייט און אַז די דאָזיקע גוטסקייט וועט אַמאָל מוזן באַפרייט ווערן אין מענטשן און מיטן מענטשן אינאיינעם...

דערפאַר איז ער תמיד מיט דעם באַ'עוולה'טן דערנידריקטן און שוואַכן



געגאַנגען, אים געגעבן האָפנונג טרייסט און ליבע.

איז, דערפאַר ווען רייזן זינגט פון ליבע ציטערט דער גאַנצער מענטשלע־כער וועזן אויף, אַדאַנק די וואונדערבאַרע אַקאָרדן וואָס צעוויגן און פאַרשיכורן יעדנס נשמה און ווי אַ פיינער בלומענדופט גיסט זיך די מוזיק פון זיין ליד :

ליבעס קינד, איך האָב דיך ליב,
דאָך איך קען ביי דיר ניט בלייבן ;
כ'רו ביי דיר אַ ווײַלע אָפּ,
פרישע קרעפטן אָנצוקלייבן.

ווי דער וואַנדערער אין דעם מדבר
בלייבט אַמאָל ביים וואַסער שטיין,
טרינקט זיך אָן און ווערט דערמונטערט,
און ער לאָזט זיך ווייטער גיין.

יאָ, מיין קינד, איך בין אַ וואַנדערער
אין דעם לעבנס וויסטעניי,
כ'האָב געקושט דיך, בין דערמונטערט,
און איך וואַנדער אויף דאָס ניי !

דער דיכטער וואַנדערט דאָ ניט נאָך ליבע, נאָר ער ליבט כדי צו קענען די וויסטקייט פון לעבן אַדורכוואַנדערן... ביז עס וועט קומען די גליק־לעכע צייט ווען יעדער וועט אויף אַן אמת זיך קענען ליב האָבן...

אין רייזנס לידער פילט זיך אָפּט די האָפערדיקייט, דאָס ניט צוריק־שרעקן פאַרן גורל, די גליקזעליקייט, די אומענדלעכקייט פון באַגער צו וועלן לעבן, ליבן, קעמפן און וואַנדערן. ווייל זיין לעבן און זיין גייסט איז דינאַ־מיש, — ער האָט פיינט די בירגערלעכע פאַרגליווערטקייט, די אומגעוויסקייט און אומאַנטשלאָסנקייט דערפאַר זינגט ער אַזוי ערלעך פון הארצן ארויס :

עס שאָקלט דאָס בוימעל זיך הין און צוריק —
עס ווערט ניט צעבראָכן... אַך וואָס איז דאָס גליק ?
וואָס טויג אַזאַ לעבן — אין אייביקן שרעק ?
אַ, איינמאָל אַ בראָך — גענוג, און אַן עק !...

רייזנס נשמה איז אַ בונטע, אַ פלאַטערדיקע און אַן אייביק ליבנדיקע אַזוי ווי דער שמעטערלינג שטעלט זי זיך ניט אָפּ אויף דער רויז, נאַרציז, אָדער נעלק אַליין, נייערט אַלע בלומען זענען זיין אָפּרו־אָרט. און ער לאָזט עס אונדז וויסן דורך זיין קלאַסישן אייביק אַלט־און נייעם ליד :

געליבטע — זיי האָב איך אַסך
און אויסער זיי האָב איך אַ כלה,
דאָך קינד מיינס, פאַרלאָז מיך ניט דו,
ווייל דיך האָב איך ליבער פאַר אַלע...

דער הימל האָט שטערן אַסך
און האָט אַ לבנה אין מיטן,
דאָך ווייזט זיך אַמאָל ניט די זון,
ווי טרויריק ס'ווערט — גאָט זאָל באַהיטן...

דאָס איז ניט דער באַהעמיסטישער דעקאַדענטישער ליבעס אַקאָרד, וועלכער קומט פון איבערגעזעטיקטקייט, אָדער פון פערווערזע גלוסטונגען, נאָר די שפּרודעלדיק ריינע סימפּאָניע פון ליבע און גליק, פון ליידנשאַפט און נענוס.

עס פילט זיך ביי אים ניט ווי ביי דעם רוב יידישע דיכטער פון זיין עפּאָכע און שפּעטער, — די זשעדנעקייט און גיריקייט נאָכן פאַרזוימטן ליבעס־גליק; הגם רייזן האָט זיין יוגנט ניט ווייניקער נאָר טאַקע אפשר מער ווי אַנדערע יידישע דיכטער אינעם קלויז און אין ישיבה אויף דער האַרטער באַנק און ביי טרוקענעם ברויט אָפּגעפּטרט, איז ער פאָרט פאַרבליבן דער אייביק ריין ליבנדיקער. עס קלאָגט זיך נאָר זיין האַרץ, הלמאי דעם מענטשנס ליבע איז אַזוי קורץ און באַגרעניצט, שוואַך און אומבאַשטענדיק, עס פילט זיך די גאַנצע מענטשלעכע הילפלאָזיקייט אַרויס פון זיין געזאַנג:

דער מענטש — ער האָט הויכע פאַרלאַנגען,
די כחות — ווי שוואַך און ווי קליין,
אים ווילט זיך דעם הימל דערלאַנגען!
און קען אויף דער ערד קוים אומגיין.

אים ווילט זיך די גאַנצע וועלט ליבן
און לינדערן יעדערנס „אוי“ —
און ליבע איז קוים אים געבליבן
פאַר אַן אָרעמער, זינדיקער פרוי...

און פונקט אַזוי ווי רייזן באַציט זיך רחמנותפול צו דער באַגרענעצטער און ניט באַשטענדיקער ליבע, — באַציט ער זיך אויך צו דער זינד. ער פאַראַכט זי נישט, נאָר ער האָט מיטלייד מיט איר — ווי אַ פאָטער מיט זיינס אַן איינגן קינד... און זיין האַרץ איז איר אַלעם מוחל:



כ'טראָג אַ האַרץ פול ליבע,
כ'בין מיט ליבע רייך:
גוטע מענטשן, שלעכטע —
אַלע זענען גלייך.

זינג מיר ניט פון יוגנט,
רעד מיר ניט פון זינד;
יעדער מענטש בלויז שפּילט זיך,
שפּילט זיך ווי אַ קינד.

קוק מיט פאָטער אויגן
אויפן קורצן שפּיל,
גיב זיך אָפּט אַ בייזער,
אָבער ניט צופיל!

דען די קינדער שפּילן
ביז ס'פאַרגייט די זון,
און זיי גייען שלאָפן —
ס'איז קיין בייז דערפון...

עס איז קלאָר אַז די ריינע דיכטער־נשמה, האָט זיך דאַמאָלט ניט נעקענט פאָרשטעלן — אפילו אין זיין ווייטסטער וויזיע און פאַנטאַזיע, צו וואָס אַלץ דער דאָזיקער מענטש איז פעאיק, און וואָסאַרע שלעכטס און בייזס פאַרבונדן מיט אומפאַרגעבלעכע־זינד עס קענען אויף אייביק אים באַפלעקן...

רייזנס בייזערן זיך איז דערפאַר אַזוי מילד, צאַרט און רחמנותפול געוועזן, — ווייל זיין האַרץ איז מיט ליבע איבערגעפולט געוועזן; און דער וואָס ליבט איז תמיד גוט, ריין און פאַרגיט אַלעם — מחמת ער זעט אין אַלעם נאָר גוטס, ריינס און פאַרגעבנדיקס...

אויך רייזנס אומעטיקער טאָן איז ניט מחמת דערשלאָגנקייט, רעזיגנאַציע, עס איז נאָר די פשוט יידישלעכע נאָטע וועלכע באַגלייט דעם יידן פונעם וויגל ביז צום קבר; און פאַרהינדערט אים ניט אפילו אַמאָל אויך פריילעך צו זיין ווי שווער די צרות זאָלן אים ניט דריקן.

מיט דער דאָזיקער נאָטע און טאָן גיסט זיך אַרויס דער גאַנצער יידישער פאָלקס־אומעט און פרייד, האָפנונג גלויבן און יאוש פון רייזנס נשמה.

אַזוי ווי די טרעלן פון אַ פאַרכישופטן בונטן פויגל באַלד טרויעריק, באַלד פריילעך גיסן זיך אים אומפּרעטענזיאָנעל די קלאַנגען פון רייזנס האַרצן אַרויס:

אויף אַ קליין צעבראָכן פידל
האָב איך אָפּגעשפּילט מיין וועלט,

אז כ׳דערמאָן זיך יעצט דאָס שפּילן,
נעמט מיין זעלע דורך אַ קעלט.

ס׳וויינען ביטערלעך די טענער,
ס׳קלינגט אין דאוירן נויט־מוזיק,
און עס עהרט זיך אַ באַוויינען
אויפן קבר פון דעם גליק...

ניט ווייניקער פאָלקסטימלעך, אינטים און באַהאַרצט קלינגט זיין ליד:

אין קישן באַהאַלט איך מיין פּנים
און נורע זיך טיף איין און וויין,
דער איינציקער טרייסט אין מיין לעבן
איז נאָך דער קישן אַליין.

געפּליקט האָט די פעדערן אירע,
מיין שוועסטער ביז שפּעט אין דער נאַכט, —
געפּליקט מיט אַ האַרץ אַ צעפּליקטן
פון הונגער און דחקות פאַרשמאַכט.

וואו איז זי מיין שוועסטער פאַרוואָרפן,
ווער ווים אוי, ווער ווייס וואָס זי מאַכט ? !
דערפאַר איז מיר טייער דאָס קישן,
פייכט מאַך איך עס תמיד ביי נאַכט.

דאָס פערלדיקע לידל גיט אַן עכט בילד פון יידישער אָרעמקייט, אָפּגעריסנקייט און דאָך, מיט אַזוי פיל פאַרבאַהאַלטענער עקספּרעסיווער פאַרבונדנקייט און היימלעכקייט.

רייזנס אומעט ווי שוין פריער דערמאָנט איז אויך ניט גרוי, נאָר אין נעגנטייל — די גרויקייט רעוואָלטירט אָפּט אַקעגן זיין אומעט, און דער אומעט אַקעגן דער גרויקייט אפילו ווען ער זינגט:

אַלע נאַכט די זעלבע שטערן,
אַלע טאָג די זעלבע זון,
גאָט, ווי אָרעם איז דיין וועלטל,
גאָט, איך ווייס ניט וואָס צו טון!

ס׳איז ניט קיין אָרעמקייט וואָס דערדריקט, ס׳איז אַן אָרעמקייט פון זון און שטערן וואָס טראָגט זייער שימער....



עס זענען אָבער אויך פאַראַנען מאָמענטן ביי אים, ווי בא יעדער ליידנשאַפטלעכער און קעמפערישער נאַטור ווען ער פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט, און איז מער ניט ביכולת זיך אַקייגן צו שטעלן דעם האַרטן קאַמף פון „דאַ־זיין“ און דאַמאָלט רופט ער פון טיפקייט אויס באַוועגט:

לעבן ווילט זיך... אָ, דאָס לעבן
האָט אין זיך אַזויפיל חן!
נאָר איך קען גאָרניט דערגרייכן
דאָס וואָס ליב איז, דאָס וואָס שיין.

לעבן ווילט זיך.... נאָר איך קען ניט —
כחות דאַרף מען האָבן מער...
שטאַרבן.... און פאַרלאָזן אַלעם —
אָ, דאָס איז מיר אויך צו שווער!

און מיין לעבן איז נעגליכן,
צו אַ לאָמפּ פון ווייניק נאַפט:
ווערן ווערט ער ניט פאַרלאָשן,
ברענען האָט ער ניט קיין קראַפט!...

די מידקייט נעמט זיך אָבער ניט ביי אים פון קאַמף גופא, נייערט מער מחמת ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די קאַמף־אַרענע, וועלכע ער האָט אַזוי געליבט און מיט איר געלעבט האָפנדיק אויף פרייערע גליקלעכע צייטן.... (אין צאַרן־רוסלאַנד).

פון דעם זעלביקן מקור נעמט זיך אויך ביי דעם דיכטער די אַפּאַטיע, — דאָס לעבן אין דער פרעמד, וואו ניט דער קאַמף פאַר פראָגרעס און פרייקייט; נייערט פאַר פוסטער אייגנליבע האָט אויסגעפילט דאָס לעבן, אָט, די דאָזיקע זינלאָזיקייט האָט פון זיך דאָס אַזוי זינרייכע ליד אַרויסגעשליידערט:

נאָך אַ מאָנטיק, נאָך אַ דינסטיק,
טעג זיי פליען,
פון איין דירה אין דער צווייטער
איבערציען.

טוישן ביכער, טוישן קליידער,
און אידייען, —
מיט די שיינע, צאַרטע ווייבער,
וואָס קען פרייען?

אַך אין אַלעם איז קיין זין דאָ
אויף אַ האָר ניט, —
און עס טרינקט זיך די נשמה
אין אַ גאָרניט...

ווען א. רייזן דער אינדיווידואַליסט און סאָציאַלער ליריקער ווערט פאַר־טיפטער אין זיין אייגענעם איך, — ווערט ביי אים געבוירן די הערלעכסטע אויטאָביאָגראַפיע וואָס איז אַזוי סימבאָליש פאַר דער גאַנצער יידישער דיכטונג.

ש. פרוג'ס מוזע קענען מיר, — זי איז נאָך געווען באַהאַנגען מיט „זשאַרגאָן־גלעקעלעך"... מ. ראָזענפעלדס מוזע האָט זיך געקלאָגט:

„איך בין אַ טרערן מיליאָנער
און וויין אויף די מיליאָנען"....

אָבער א. רייזנס מוזע — קלאָגט זיך ניט און קלינגט אויך ניט, נאָר שטיל באַשיידן און מיט אַ הייליקער נאַאיוויטעט פרעגט זי זיך:

ווי קום איך צו זינגען? פון וואַנען מיין קינד?
ביי אונדז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט;
די קינדער — זיי פלעגן נאָר זינגען: „האַם!־האַם!
און אָפטמאָל די מאַמע — אַקללה צום גראַם.

ווי קום איך צו שיינקייט? פון וואַנען מיין קינד!
דער וועג צו די פעלדער — דורך גוים און הינט...
די גאַס איז געווען אַזוי אָרים און וויסט,
ביי איטלעכער טיר נאָר — אַ בערגעלע מיסט...

און פאָרט איז רייזן איינער פון די הערלעכסטע באַזינגער פון די טיפסטע און שענסטע געפילן אין מענטשן; און דאָס ליד זיינס וואָס די פאָרם איז אַזוי יידישלעך און דער אינהאַלט אַזוי אַלמענטשלעך, וועט פאַר־בלייבן אַן אייביקע רעליקוויע פאַר דעם יידישן דיכטער און דער יידישער דיכטונג.

און די זעלביקע האַרציקע ליבע וואָס א. רייזן האָט געפילט צו יערן באַוואָלעטן, געדריקטן אַרבעטער, ייד און מענטש; האָט ער אויך געפילט צום אָרימען קלויזניק. און טאַקע די צוויי לידער: „מאי־קא משמע לן" און דער „גמרא ניגון" — געהערן בלי שום ספק צו די נאַציאָנאַלסטע פערלען אין דער גאַנצער יידישער פאָעזיע. אויף וועמענס ליפן האָבן זיי דען ניט געציטערט? ווער האָט זיי דען ניט געזונגען! עס האָבן זיי געזונגען — דער פרומער און דער ניט־פרומער, דער בעל־הבית און דער אַרבעטער, עס האָבן



זיי געזונגען דאָס גאַנצע פאָלק, מחמת רייזן האָט אין זיי דאָס גאַנצע פאָלק באַזונגען...

און אַזוי אינטים, עכט און פון טיפן האַרצן אַרויסגעשפרודלט זענען אויך געקומען זיינע בענקשאַפטס־לידער נאָך פרייהייט; אָנגעזאַפט מיט צער און פאַרדרוס, מיט פּראָטעסט און בטחון אויף דעם גליקלעכן עתיד וואָס דאַרף קומען פאַר אַלע מענטשן און דעם יידן.

ווייל רייזן פילט זיך פאַרבונדן מיט דער גאַנצער וועלט, איז אויך זיין האַרץ געווענדט צו איר און ער קען ניט פריער אויסגעלייזט ווערן ווייל:

ווען די וועלט געווען וואָלט גליקלעך,
איך אַליין בלויז פול מיט לייד,
וואָלט איך דאַן צו איר געקומען
און געפאָדערט: גיב מיר פרייד!

אָבער אַז מיר ביידע ליידן,
סיי די וועלט און איך אַליין, —
האָט די וועלט ניט וואו צו קומען
און איך האָב ניט וואו צו גיין....

דערפאַר מוז די גאַנצע וועלט אויסגעלייזט ווערן און מיט איר — ביז צום לעצטן געדריקטן און שוואַכן, אַנדערש קען דער דיכטער ניט גליקלעך זיין. און דאָס פילט זיך אַמבעסטן אַרויס ווען ער זינגט:

און ווען עס זאָל ווערן די מענטשהייט באַפרייט,
פון גאָר אַלדאָס בייז און דעם פיין,
נאָר איינער וועט זיין ערגיץ וואו וואָס ער ליידט,
וועסטו קענען דען גליקלעך דו זיין?

געוויס וועט עס רייזן ניט קענען, — ווייל ער געהערט צו דער גאַנצער וועלט, און די גאַנצע וועלט געהערט צו אים...

ער געהערט צו דער וואונדערבאַרער שיטה פון אונדזערע אומשטערב־לעכע דיכטער וואָס האָט אין זיי געשלאָגן דער סאָציאַלער אָדער פון פּראָ־טעסט און טיפער סימפּאַטיע צו אַלע ליידנדיקע און געדריקטע.

ווי ווינטשעווסקי, באָוושעווער, עדעלשטאַט און ראָזענפעלד האָט ער גע־בענקט, באַזונגען און געליבט די פרייהייט און דאָס גליק פאַר דעם מענטש און ייד.

„פונעם ערשטן טאָג זינט דער קאַמף פון די יידישע מאַסן אין אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן מיט איבער 50 יאָר צוריק" — שרייבט ד"ר ה. פראַנק, רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע", אַ קאַמף פאַר קולטורעלער

ווידערגעבורט, איז א. רייזן געווען דער וועג ווייזער און באגייסטערער פון דעם קעמפערישן אוואנגארט און די פארקערפערונג פון דעם סאציאל דערוואכטן פאלקסגייסט".

און אלע זיינע לידער בלייבט רייזן תמיד דער אמתער דיכטער פון פאלק, ער קען דעם עלענט פון אלף ביז תו מיט די קלענסטע ניואנסן, נאר דערפאר איז ער מסוגל געווען אזא פערלדיק ליד פון אים ארויסצוברענגען, פשוט די ארעמקייט מיט דעם ליד געהייליקט און דאס ליד מיט דער ארעמקייט פאראייביקט....

ווי די ווייכסטע צארטסטע מוזיק גיסט זיך דאס ליד פון מענטשלעכער ארעמקייט עלנט און נויט:

און ווען דער זינגער פילט זיך אמאל פארשלאפט פונעם תמידן סבלנות, קאמף און בענקשאפט נאך פרייהייט, — און ער איז ניט ביכולת זיך אליין און אלעם צו זיך צו דערהייבן, ווערט זיין נאטע אן אומעטיקע און ער זינגט:

עס ברעכט דיר דיין הארץ, דיין געמיט
און אלע דיר טון אזוי וויי —
נאר אויפהייבן קענסטו זיי ניט
דו פאלסט נאר צעזאמען מיט זיי...

דאס מיינט אבער ניט ארונטערפאלן און דעם קאמף אין גאנצן אויפגעבן, נאר טיילן דעם פאלקס־גורל, פאר א ווייל מיט דער מאסע זיך צעגויפגיסן.

דאס זענען אבער נאר מאמענטן! מחמת באשטענדיק, איז און בלייבט רייזן דער רעוואלטירנדיקער רעוואלוציאנערער דיכטער וואס סטימולירט, רופט צום קאמף טרייסט און גיט האפנונג מיט זיינע דערהויבענע געזאנגען."

צום ערשט מאלט ער די נויט און אונטערדריקונג מיט קראסע פארבן:

ארעמעס לעבן נאר שטענדיק זיך מאטערן,
שטענדיק צו לעבן אין נויט,
כחות די יינגע, די פרישע צו פטרן,
זוכנדיק — טרוקענעם ברויט.

בוקן זיך בייגן זיך, נידעריק, נידעריק,
ברעכן דעם קערפער אויף האלב:
רעדן תחנונים און וויינענדיק, ציטערדיק,
בעטן ביים גאלדענעם קאלב!...

נאר 2 סטראפן זענען ציטירט פון דעם פרעכטיקן ליד. אבער פון דער זעלביקער קלאסישער אויסגעהאלטנקייט איז אויך דאס ליד: „א, העמערל



העמערל קלאפ". נאר רייזן בלייבט ניט תמיד ביים שילדערן און באמיטליידן, — זיין געדולד, צארן און פיין — ברעכן אפט און גיסן זיך ווי א פייערדיקע לאווע פון זיין הארצן ארויס:

ניט ווייניקער טיפע געדאנקען און עמאציעס רופן ביי אונדז ארויס זיין רערהויבן ליד:

א, וואס קלינגט איר קירכנגלאקן,
הערט שוין אויף געגוג געשראקן
האבן אייערע ווילדע טענער
אונדזער ארעמער וועלט.

ווער פון אונז האט דען דאס ליד ניט אמאל געזונגען מיט דער הייליקשטער באגייסטערונג? אין ווען הארצן האט זיך דען דאס ליד ניט ווי א וואונדערבארער באלזאם צעגאסן:

כ'האב א נייעם גלאק באשאפן,
צו דערוואכן טויטע שקלאפן —
ניט אין קירכן אין דער לופטן
הענג איך אים ארויף;
קלינגט ער מוטיק, קלינגט ער פריילעך,
שטייט צום לעבן אויף!

ס'איז קלאר, אז שטייענדיק אין קאמף פאראייניקט מיט די ליידנדיקע מאסן, מיטלעבנדיק אלע זייערע האפנונגען, און פארצווייפלונגען, זייערע זיגן און מפלות, האבן זיך אויך די טענער פונעם דיכטער געענדערט. דערפילנדיק דעם פינסטערן דרוק פון דער צארישטיש־אבסאלוטיסטישער רעאקציע, נאך דער בלוטיק אנידערגעשלאגענער רעוואלוציע — האט זיך זיין טרויריק געמיט צעגאסן מיט מעלאנכאלישע מעלאדיען:

מיאום איז די ערט מיין פריינט,
און פארדעקט מיט ראסט;
וואקסט אמאל א בלימל אויס —
טויט עס אפ דער פראסט.

טרויריק איז די ערט מיין פריינט,
ווי אין הערבסט דער וואלד;
פליט אמאל א פייגל דורך
שיסט דער יעגער באלד...

מיט דעם זעלביקן אומעט און מעלאַנכאָליע איז אויך אָנגעשטימט דאָס איינציק אָרטיקע ווינטער־ליד „הוליעט הוליעט בייזע ווינטן“.

אויך דאָס זענען נאָך מאָמענטן ביי דעם גרויסן פּריוואַטלעבנס־זינגער, — מחמת זיין האָפענונג שניידט זיך תמיד פון דער פינסטערקייט אַרויס, ווי אַ בליץ פון אַ טונקלען הימל. און ווי אַ זיך רייסנדיקער קוואַל פון דער טונקעלער ערטנשוים, — שפּרודלט און גיסט זיך זיין ליד מיט העל־בליצנדיקע קאָלירן, אָנפילנדיק אַלע ליידנדיקע הערצער מיט האָפענונג, טרייסט, מוט און גלויבן:

א. רייזן איז ניט נאַציאָנאַליסטיש, — נאָר תמיד נאַציאָנאַל... און הגם ער איז אויך ניט קיין ציוניסטישער העברעאיסט, אָדער העברעאיסטישער ציוניסט, האָט ער פאָרט ליב ציון און העברעאיש ווי יעדער אמתער זון פון פאָלק...

רייזן׳ס נשמה איז טיף פאַרבונדן מיט זיין פאָלק, — מיט אַלע זיינע ליידן און האָפענונגען, זיין עבר, הוה און עתיד. און הגם דער אינהאַלט פון זיינע נאַציאָנאַלע מאָטיוון איז דאָס רוב אַן אַלגעמיין סאָציאַלער, איז די פאָרעם אָבער כמעט תמיד אַ יידיש־נאַציאָנאַלע.

און ווען דאָס לעבן פון דיכטער ווערט פון צאָרן צעפּרעסן, דאָס האַרץ זיינס איבערגייט אים פון ביטערער הילפלאָזיקייט און שוואַכקייט, — דאַן ברעכט זיין געמיט אויס מיט אַ קורצן לידל, וואָס גיט אָבער ווי אַ קליין קלינגל אַ טיפן שניט.

עס איז ניט קיין השתפכות הנפש, ניט קיין קינה־געזאַנג און אויך ניט קיין שחיטה־שטאָט, נאָר אַ פשוט איבערגעלעבט און טיף דורכגעליטן לידל פון אַ דיכטער פון פאָלק — וואָס דער טיפערער אינסטינקט פון פאָלק באַפליגלט מיט זיין אינטעלעקטואַליזמוס איז ביי אים אויפן העסכסטן אופן צום אויסדרוק געקומען:

אַ קלאַפּ האָט געגעבן דער ווינט אין מיין שטיבל
און האָט עס אין גאַנצן צעטראָגן,
און באַלד האָט דערהערט זיך אַ קנאַל פון אַ דונער,
וואָס האָט פיל נפשות דערשלאָגן.

צי קען איך דען צערנען אויף ווינטן און דונער,
צי ווייסן זיי דען וואָס זיי טון?
עס ברענט נאָר מיין צאָרן ווי האָט עס געטראָפן
ווען ליכטיק געשיינט האָט די זון?

דעם ווינט און דעם דונער — אַ זיי בין איך מוחל,
זיי זענען ווי קרעפטן דאָך בלינד,
ווי האָט דאַן געלויכטן די זון אָבער פרעג איך,
און רואיק געזען אַזאַ זינד?....



ניט ווייניקער אימפּרעסיוו און טיף נאַציאָנאַל קלינגט אויך זיין ליד: „מיין פריינט צו דו ווייסט?“ מר זעען דאָ ווידער די זעלביקע געבונדנקייט פון פאָרעם און סטיל, פון געדאַנק אַן געפיל, פון בילד און קלאַנג. מיט ווייניק שורות איז עס רייזענען דאָ ווידער געלונגען אַזויפיל אַרויסצוברענגען:

ס׳איז דאָס אַלטע אייביקע און תמיד נייע ליד, וואָס האָט שוין אַסך יידישע קאַטאַסטראָפעס איבערגעלעבט, — געדיכטעט נאָך פאַר די ערשטע מלחמהדיקע רוסישע פּאָגראָמען, און פאָרט אַזוי טרויעריק אַקטועל געבליבן, אַזוי ביטער וואַר ווי עס וואַלט יעצט אָנגעשריבן געוואָרן.

עס ליגט אין דעם שמאָל־שורותדיקן לידל פאַרבאַהאַלטן די גאַנצע יידישע הילפלאָזיקייט, די גאַנצע יידישע פאַרצווייפלטע מאַכטלאָזיקייט, צענויפגעמישט מיט דער אייביקער געפאַר און שרעק פאַר דעם אייביק בחנם׳דיקן שונא...

צו אַזאַ מדרגה קען נאָר דערלאַנגען אַ קינסטלער פון אמתדיק גרויסן פאַרמאָט.

אָבער ניט נאָר דעם נאַציאָנאַלן אומגליק אַליין איז עס רייזענען געלונגען אַזוי דורכדרינגנדיק טיף צו באַזינגן נייערט אויך די נאַציאָנאַלע שיינקייט און די ליבע צו זיין היים — צום אָרעמען באַחנטן יידישן שטעטעלע מיט אַלע זיינע מנהגים און לעבנ־אַרטן.

די האַרציקע צוגעבונדנקייט צום קלויז און ישיבה, די גאַנצע גייסטיקע געהויבנקייט פון קלויזניק, די גאַנצע ווייטיקדיקע בענקשאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענער שיינקייט האָט רייזן אויסגעדריקט אין זיין ליד: „מיין צוריקער אַהיים“ און „מאי־קא.משמע לן“ און אינעם ליד „דער קלויזניק“, — אַזעלכע עפּאָכאַלע און טיף רירנדיקע לידער, ווערט ביי יעדן פאָלק ווי רעליקוויעס אָפּגעהיטן און באַלאַנגען צו די שענסטע טיפסטע און ווערטפולסטע שאַפונגען.

מיר ווינטשן אונזער ליבסטן און האַרציקסטן יידישן דיכטער א. רייזן צוזיין 70־סטן געבורטסטאָג נאָך אַסך געזונטע און שעפערישע יאָרן.

ווייל דער דיכטער וואָס האָט געזונגען:

איך האָב מיך אַ שבועה געגעבן
ניט וועלן קיין גליק און קיין פרייד,
נאָר שענקען און ווידמען מיין לעבן
דעם מענטשלעכן עלענט און לייד.

יאָ, דער דאָיזקער זינגער איז באַרופן און ווערט מיר זאָלן אים דעם גאַנצן פאָלקס צער אָנפאַרטרויערן ווייל נאָר ער וועט אים אונז קענען צוריקגעבן, — באַפּערלט און צעלויכטן מיט די ריינסטע און הייליקסטע געזאַנגען פון זיין גרויסער קינסטלערישער נשמה.

דעם 23־טן יוני, 1946

# משה עובד

## איך בין צופרידן
(פון דער סעריע איבערלעבענישן)

די מעשה האָט פּאַסירט עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס ענגלישע פאָלק האָט זיך געלעבט אין שלום און אין זיכערקייט.

עס האָט געגלויבט דאָס אַ חוץ ביים מלך מלכי המלכים פון דער גרויסער וועלט אימפּעריע איז אויך דער אינזל גוט פאַרטיידיקט פון די פעלזן פון דאָווער, פון די זיבן ימים און פון די זיבן הונדערט שלאַכט שיפן, און ס'האָט פאַר קיינעם נישט וואָס צושרעקן זיך.

אויך האָט ס'פאָלק נישט געהאַט דעם נביא וואָס זאָל עס פאַרביטערן ס'לעבן מיט שטראָף־רייד און שטורמען ס'געוויסן קעגן עוולות פון מענטש קעגן גאָט און גאָט קעגן מענטש...

און אויב אַמאָל אין אַ שמיטה ד.ה. איינמאָל אין זיבן יאָר ס'האָט זיך געמאַכט אַ דזשענעראַל עלעקשאָן און דאָס פאַר־פאָלק, די ליבעראַלן און קאָנסערוואַטיוון האָבן זיך צעווערטעלט און זיך גערופן מיאוסע נעמען איז געקומען צומאָרגנס די אַלטע מוטער פּאַרלאַמענט און געמאַכט שלום צווישן זיי.

נישט נאָר די מענטשן נאָר דער אינזל גופא האָט געדרימעלט און געדזשימיעט אונטערן ליילעך פון זון, אונטער די קאָלדערע פון שניי און אונטער די דיקע דעק פון „פאָג".

ולא יחרץ כלב לשונו — אַ הונט האָט נישט געבילט, אַ קאַץ האָט נישט געמיאַקעט. אַזאַ רו האָט געהערשט, אפילו דאָס גאָלד פון יענער צייט איז געווען פּאַסיוו, נישט געהאַט דעם דינאַמישן פּולס פון פריערדיקע עפּאָכן.

האָט איינמאָל אין איינעם פון יענע פרידליכע פרימאָרגנס אַ מיטל־יעריקער ענגלענדער, אַ גוט באַלאַנסירטער, אַרויפגעשטיגן אויף די צוויי טרעפּלעך פון קעמיאַ־ווינקל און זיך אַוועקגעשטעלט אויף צוויי פיס ביים ציילטיש וואָס האָט געדאַרפט האָבן פיר פיס, פרעגנדיק שטיל און געלאַסן:

— האָסטו אַ קינדעריש גאָלדן רינגעלע? איך וויל עס קויפן פאַר זיך אַליין צו טראָגן.

דער קליינער קרעמער קוקט אַרויף צום הויכן פּאָטענציעלן קונה און פרעגט:

— פאַרוואָס עפּעס אַ קינדערשעם?

— ווייל עס איז געווען מיין חלום נאָך אַלס קינד, צו טראָגן אַ גאָלדן־רינגעלע און עס קיינמאָל נישט געהאַט — ענטפערט דער קונה.

און ער קויפט זיך פאַר אַכצן שילינג אַ סיגנעט רינגעלע, פּאַסענד פאַר אַ ייִנגעלע פון אַכט יאָר אַלט. ער טוט זיך עס אָן אויפן שפּיץ פון קלענסטן פינגערל, באַצאָלט אַ פונט און וויל נישט נעמען קיין רעשט און איז צופרידן פאַר 'הונדערט פונט!



זיין רונד ראַזירט פּנים האָט זיך ביביש צולאַכט, אַזש זיין ווייס געקראָכמאַלעט העמד האָט אויסגעזען ווי אַ ביבי (אַ קינדעריש שערצל).

אַזאַ פיזיגאָמישע פאַרענדערונג, פאַראורזאַכט אַ יוגנט־חלום ווען ער ווערט פאַרווירקליכט.

עס שפּאַצירן זיך אין דער אייביקייט אַריין עטליכע חדשים און דער קונה באַווייזט זיך ווייטער.

ער האָט שוין געהאַט גוט פאַרדייעט די פרייד פון זיין קינדעריש־רינגעלע און ס'האָט זיך אים געהונגערט נאָך אַ מער סאָליד מאכל. ער ענטשולדיגט זיך העפלעך וואָס ער מאַכט די אַלע אומישטענדן, זאָגנדיק: „איך וויל אַ גרעסער און שווערער רינגעל, נאַטירלעך, נישט אומזיסט. איך וועל דיר צי צאָלן צום קליינעם רינגעלע עטלעכע פונט".

און ער קויפט זיך אַ גאָלדן רינגעלע שוין מער פּאַסענד פאַר אַ פּאַרמעגלעך בר־מצוה בחורל.

ער פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָסל ווי אַ ייִנגעלע וואָס וויל ווייזן, אַז ער איז שוין אַ גאַנצער מענטש!

און זיינע ביידע שוואַרצאַפּלען פרייען זיך ווי ס'פריש אָנגעצונדן פּאַפּיראָסל.

ס'שפּאַצירן ווייטער אַוועק עטליכע חדשים און דער קונה שפּאַצירט זיך ווייטער אַריין אין יאַ:ועלירטן געצעלט. ער דרייט ס'רינגעלע, וואָס איז לויז אויף זיין קליינעם פינגער, ווי ס'וואָלט נישט באַלאַנגט צו אים און זאָגט:

— טויש מיר איבער דאָס רינגעלע, ביטע. פאַרקויף מיר אַ רינג ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ דערוואַקסענעם מאַן ווי איך. זעלבסטפאַרשטענדלעך, וועל איך דיר צוצאָלן. גאָלד איז גאָלד און צייט איז געלט. איך גלויב און לעב און לאָז לעבן.

און ער קויפט אַ נישקשה־דיקן שווערן וויקטאָריאַנען רינג, צאָלט צו עטלעכע פונט, באַלעקט זיך מיטן רינג ווי ער וואָלט געווען פון האָניג.

— אָט דאָס איז אַ רינג! אַקוראַט ווי איך וויל — ער מאַכט מיטן רינג אַ פעסטן פויסט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ דערוואַקסענעם מאַן. און ער האָט אַראָבגעשטיגן פון די צוויי טרעפּלעך פון קעמיאַ־ווינקל מיט אַן אַרויסגעשטרעקטן ברוסט־קאַסטן און מיט אויפגעהויבענע אַקסלען, ווי אַ זיגענדער פּויגיליסט פון דער אַרענע ווען ער טראָגט דעם געוואונענעם גאָלדענעם פּאַסעק.

דער ווינט־פון־צייט האָט איבערגעמישט עטלעכע איליומענירטע בלעטער פון ספר־החיים און דער קונה איז ווייטער דאָ. ער 'האַלט די אויגן אַראָפּ, גלעט ס'גלאָז פון צייל־טיש מיט פינגערשפּיצן, ווי אַ שעמעוודיק מיידל וואָס האָט צופיל גענאַשט און שנויפּעלט אונטער דער נאָז:

— איך האָב דיר שוין אַזוי פיל מי געגעבן און באַלעמוטשעט דיין ווערטפולע צייט, נאָר ווייסט דאָך, דאָס איך וויל נישט קיין זאַך בחינם.

איך וויל אַן אמת שווערן מאַסיוון רינג. מיך אַרט נישט צוצעצאָלן נאָך צען, פופצן פונט אַבי עס זאָל זיין עפּעס! דו ווייסט דאָך וואָס איך מיין!

דער קרעמער האָט גראַדע געהאַט דעם שווערסטן רינג וואָס מ׳קען נאָר זען. און דער קונה האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט!

— יעצט ווייס איך אַז איך לעב! אַזאַ ענליכן רינג האָב איך אַמאָל געזען אין דער טראַנסוואַל. אָט דאָס איז אַ כלי זין, מיט אַזאַ כלי לוינט זיך צו גיין צום פּעטער (לאָמבאַרד) און ער איז אַוועק אָנגעשטאָפּט מיט פרייליכקייט, ווייל ער האָט דעם רינג געטראָגן און דער רינג האָט אים געטראָגן. און ער האָט געפילט דאָס אויסער דעם וואָס דער אינזל איז אַזוי גוט פאַרטיידיגט האָט ער אויך אַ כלי־זיין מיט וועלכן מ׳קען ממית׳ן אַ שונא און זיך מחיה זיין ווען אין נויט.

און עס מאַרשירט פאַרביי אַ פול יאָר מיט טעג און נעכט ווי אַ קאַראַוואַן פון 730 ווייסע און שוואַרצע קעמלען אַלע געשפּאַנט און באַלאָדענט מיט גאָלד און מיט זילבער און דער קונה געפינט זיך ווייטער אַ געפּאַנגענער אין קרעמערס קריסטאָלענער קלאַטקע, אָבער דער שווערער רינג גיט אים שוין נישט גבורה נאָר מאַכט נאָך זיין האַנט מאַכטלאָזער.

און ער רעדט די דבורים:

— האָסט געמיינט ביסט שוין מיינס פּטור, נו בין איך ווייטער דאָ דיך צו פּייניקן. אפשר האָסטו אַ לייכטערן? נאַטירליך וויל איך נישט זאָלסט מיר צוריקצאָלן געלט. דאָס קיינמאָל נישט! ביזנעס איז ביזנעס.

מאַכט דער קרעמער מיט פאַרגעניגן — „פאַרוואָס נישט?“ און ער טוט אָן אַ לייכטן רינג און אָטעמט אָפּ „אַה“, ווי איינער וואָס טוט אָן אַ לייכטן בגד אין אַ היץ. „דאָס איז אַ רינג אים האָב איך ליב. איך האָב דעם אַנדערן אויך גערן געהאַט נאָר פאַרגעס נישט איך וואוין אין ליווערפּאָל נישט אין דער טראַנסוואַל. זיי זען דיך מיט אַזאַ גרויסן רינג מיינען זיי ביסט משוגע. גרויסע נאַראָנים די ליווערפּאָלאַניענס, נישט אמת?“

— יאָ אמת — האָט דער קרעמער טאַקטיש מסכים געווען און דער קונה איז אַוועק העכסט צופרידן.

ער איז אָבער נאָך פיל מאָל צוריק געקומען און יעדעס מאָל איבערטוישט אויף אַ לייכטערן און קיינמאָל נישט געוואָלט אַקצעפּטירן געלט צוריק. געזאָגט „ביזנעס איז ביזנעס“! איך האָב געהאַט מיין פאַרגעניגן און בין צופרידן“.

ענדליך ווען אַלע צען פינגער האָבן שוין געהאַט טועם געווען דעם כישוף פון אַלערליי רינגען האָט ער פאַרטוי[illegible] מאָגער סיגנעטן־רינגעלע אויף אַן אויסגעטראָגן און אויסגעריבן חופה וקדושין רינגעלע און ווען ער האָט עס אַרויפגעצויגן אויף דעם פינגער האָט עס געפּלאַצט און איז ענטקומען.

מ׳האָט עס אַרומגעזוכט אין אַלע באַהאַלטענע ווינקלען און דער קונה האָט געהאַלטן אין איין זאָגן: „זוך עס נישט, אַ שאָד די צייט. איך האָב געהאַט מיין פערגעניגן. איך בין צופרידן.“



ערשט לעצטנס איז דער קרעמער געוואויר געוואָרן דאָס דער קונה איז געשטאָרבן אַ זקן ושבע ימים. ער איז געוואָרן אויף דער עלטער קליין און איינגעשרומפּען נישט צודערקענען.

און בשעת זיין נשמה איז פון אים אויסגעפלויגן האָט ער איר נאָכגעשריגן מיטן לעצטן אָטעם: — „איך האָב געהאַט מיין פאַרגעניגן! — איך בין צופרידן!

## אסתר קרייטמאַן

# אויפן פלאס דע לא רעפובליק

### אַ סקיצע

לעבן אַ ריזיק שוי־פענסטער, וואו ס׳זענען געוועזן אויסגעשטעלט אַלערליי שווערע מאַשינען, איז געשטאַנען אַ מיידעלע פון אַ יאָר דריי און האָט אַ טיף־פאַראינטערעסירטע, באַקוקט די שווערע שטיקער אייזן. פון גרויס חידוש געפירט מיטן ברוינעם הענטל איבער דער וויטרינע, געפירט מיטן דאַרינקן וויז־פינגערל און עפּעס געמורמלט מיט די שמאָלינקע ליפּעלעך צו זיך אַליין. האַרט לעבן איר האָט זיך אויפן אייגענעם טראָטואַר געשאַרט אַן אַלטיטשקע, אין אַ שוואַרץ, פאַרלאַטעט קלייד, מיט אַ שוואַרצן שאַל, איינגעלייגט אין דרייען, אַזוי, אַז אונטן, דער שפּיץ, האָט אַזש דערגרייכט דעם זוים פונם קלייד. אויפן קאָפּ — אַ משונהדיקער טשיפּיק, באַפּוצט מיט אָפּגעשליסענע פּיצלעך טיול און שוואַרצע קרעלן. דאָס חושכדיקע פּנים — צעאַקערט לענגאויס די איינגעפאַלענע באַקן אַרום דער גאָמבע, הינטער די הייטלעך פון די אויסגעלאָשענע אויגן. קנייטשן, קנייטשן און קנייטשעלעך. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ ריזיקן בוקעט בלומען, אין דער אַנדערער — אַ שמאָל, לאַנג קלעצל — אַ ברויט אַזאַס.

זי האָט אַ ריר געטון מיטן ברויט דעם קינד אויף דער פּלייצקע און עפּעס אַ זאָג געטון. דאָס קינד האָט אָנגענומען דער אַלטער ביים קלייד, כסדר אויסגעדרייט דאָס קעפּל צו דער וויטרינע און אויפן קול געדרעדט און דערציילט.

די אַלטע האָט זיך נישט איינגעהערט, זי האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט און מיט גרויס יראת־הכבוד געקוקט אויפן ברויט.

די סטאַטוע אויפן פלאָס דע לא רעפובליק איז געשטאַנען אַן אויסגעגלייכטע, אַ פעסטע, אַ דערהויבענע און אַ זיכערע, מיט אַ צווייגל אין דער אויפגעהויבענער, מוסקולירטער האַנט און האָט ווי אַ גערולדיקע מאַמע צוגעקוקט זיך צו אַלצדינג, וואָס טוט זיך אָפּ אינם לענגלעך־פיר־עקעכיקן שטיק פלאַץ, וואָס זעט אויס ווי אַ שטאָט אין אַ שטאָט.

זי האָט געזען די אַלטע מיטן קינד פאַרשווינדן אין איינעם פון די שפּאַלטן, ווי אָפענע טירן, וואָס פירן אין גאַסן און אין געסלעך אריין, וואָס

פירן ארויס און ברענגען צוריק טויזנטער מענטשן א טאג אויפן פרייען פלאס דע לא רעפובליק. מענטשן פון אלערליי אויסזען און לשונות, פון אלערליי קאלירן און קולות. די אלטע האט איבערגעלאזט דאס קינד שפילן זיך אויפן הויף און אליין האט זי זיך, סאפענדיק און פרייכנדיק, ארויסגעשלייכט פינף שטאק גרויע טרעפ. אויפן הויף האט א ברוין־הויטיקער יינג אין א פאר פארפעטסטע, שטייפע הויזן, ביז צו דער טאליע א נאקעטער, פארריכט א צעבראכענעם ביסיקלעט. דער יינג האט עפעס אונטערגעפייפט א לידל. אין א פארלאטעט שטייגל האט ארומגעהיפקעט פון ארט צו ארט א גרינלעך קאנאריקל, געפרואווט אונטערהעלפן דעם יינג און נישט געקענט ארויסקריגן קיין פיפס. פיר גרויסע בלעכערנע מיסט־קאסטנס האבן פארשטונקען דעם הויף. פינף שטאק צעפראלטע פענצטער, ווי פינצטערע לעכער, האבן אריינגעאטעמט אין זיך דעם ריח פון די מיסט־קאסטנס און נישט געטראכט אפילו אז עס דארף אנדערש זיין. די הויכע ווענט פונם שטיינערנעם הויף האבן אויסגעזען, ווי זיי וואלטן באלד אויפגעבויט געווארן אפגעשיילטערהייט.

די אלטע האט עפעס אויסגעקוויטשעט אין א גרעל קאל. דער יינג האט אוועקגעשטעלט דעם ביסיקלעט אינאזייט. דאס ברוינע מיידעלע האט אויפגעהערט איינטענהן מיטן קאנאריקל, זי האט זיך אויסגעגלייכט ס׳קליידל ווי א גרויסע און זיי זענען ארויף.

די אלטע האט אינדערגיך צעריסן און צוגעשארט די לאנגע שטיקער ברויט דעם זון מיטן אייניקל, צוגערוקט זיי עטלעכע קארטאפליעס און אליין האט זי זיך איינגעבראקט א טעלער ברויט אין וואסער.

דער טאטע מיטן קינד זענען גיך פארטיק געווארן מיטן עסן, וואס האט זיי בײדן איבערגעלאזט טויט־הונגעריקע. די אלטע האט געדזאמדזעט מיטן אנצייניקן מויל. דערנאך האט זי אין א בלעכן טעצל מיטגענומען אביסל צעווייקט ברויט, און דער אנדערער האנט אריין — דעם בוקעט בלומען, ארומגעציפט די בלעטלעך, וואס האבן געהאלטן ביים אראפפאלן, און איז אראפגעקראכן די פיר שטאק גרויע טרעפ. דאס צעווייקטע ברויט האט זי אריינגעלייגט דעם קאנאריק אין שטייגל און עס באפוילן ס׳זאל עסן...

אינדרויסן, ארום די טישלעך, זענען שוין געזעסן הונדערטער מענטשן, אן רעקלעך, די ארבל פון די העמדער ארויפגעשארצט, א טייל — לחלוטין אן ארבל, און האבן געשמועסט אויפן קול, גערעדט פאליטיק. טייל האבן זיך געקלאגט, אז ס׳איז שוין אזוי שפעט אין זומער אריין און מען מערקט נאך עפעס נישט ס׳זאל זיך אנהויבן דער סעזאן. אנדערע האבן זיך דערציילט וויצן, געלאכט אויפן קול, געדויכערט ציגארעטן און געטרונקען וויין. די קאפעען, כמעט אלע אין איין שורה הארט איינע לעבן דער אנדערער, האבן אויסגעזען ווי זיי וואלטן אלע אנגעהערט איין באלעבאס. די טישלעך זענען געווען אזוי באזעצט און אנגעשטעלט מיט וויין, ביר און קאווע־קעלישקעס, אז מען האט קוים ארויסגעזען דעם חילוק אין די קאלירן.

טויזנטער מענטשן האבן שפאצירט אויף די טראטוארן, געלאכט, גע־



זונגען, גערעדט. פארלעך האבן זיך געהאלטן פעסט ארומגענומען, געקושט זיך אינמיטן גאס, פריי פאר דער גאנצער וועלט — א מחיה. כינעזער האבן אלע ווײלע געבראכט מציאות: צאצקעס, בראסלעטן, בראשקעלעך. די ברייטע פנימער זייערע האבן טרויעריק געלאכט, אויסגעשטשירעט ציין, מער נאך צעשפרייט די ברייטע נאזלעכער, זיך איינגעגעסן אין די ביינער מיט זייערע צורעדענישן, מען זאל קויפן, צי מען דארף, צי נישט. אט איז איינער אוועק און ס׳זענען שוין דא צוויי אנדערע. אלע ווילן זיי ס׳איינגענע פארקויפן. אלע ווילן זיי עסן; און פארט ווערט אזוי נודנע פון זייער נישט וועלן אפטשעפען זיך, אז מען פאלט אריין אין א רציחה.

אן אלטער מאן טראגט אונטער עטלעכע שקארמיצלעך מיט געבאקענע ניסלעך און קען נישט פארשטיין, פארוואס מען זאל זיך אפזאגן צו קויפן אזא געשמאק מאכל. טערקן מיט רויטע פעסקעס אויף די שמאלע קעפ גלאנצן מיט די שווארצאפלען, פליען מיט זיי איבער די ברוינע ווייסלען און בעטן זיך רחמים, מען זאל כאטש א קוק־טון אויף זייערע פיל־פארביקע טעפיכער. מיט די צעפראלטע חיות אויף שטיקער ארומגעשניטענעם טוך. נאר דער עולם איז שוין אזוי געוואוינט צו זיי, אז קיינער קוקט זיך אפילו נישט אום. אן אויסגעקווארטער יינגערמאן שטעלט זיך אוועק הארט לעבן רינשטאק, נעמט ארויס א פידעלע. דאס פידעלע שפילט אזוי הארציק, ס׳דערציילט אזעלכע טרויעריקע מעשה׳לעך, אז דער פידלער אליין דארף שוין גארנישט רעדן. מענטשן ווערן אויפמערקזאם, ביי עמיצן שטעלט זיך א טרער אין אויג. נאר אט קומט שוין אונטער אן אנדערער. עפעס אן אלטער מיט א גראמאפאן און צעהילכט זיך מיט אן אלט, טרויעריק ליד. דער עולם פארמאכט צוריק די בייטעלעך און ביידע קריגן זיי גארנישט. עס שפילט שוין א דריטער און א פערטער.

אן אט היפקעט פן טישל צו טישל א דאר, אפגעריסן מענטשל מיט א צעבראכענעם קאפעליוש, ווי ביי א „דרוטשיאזש". די נאז איז ביי אים א שפיציקע, א רויטע, א דורכזיכטיקע און תמיד קאפעט פון איר. די קליינע אויגעלעך זיינע פליען ארום מיט א משוגען גלאנצל. די איינגעפאלענע לעכער אין די צעקנייטשטע באקן שמייכלען מעשוגעוואטע. ער ווארט אויף גארנישט. שטעלט זיך נישט אפ, כדי עפעס צו באקומען. ער פליט בלויז ארום פון טישל צו טישל און פארשווינדט. און אט קומט אונטער די אלטיטשקע מיטן בוקעט בלומען אין איין האנט און מיט ברוינעם מיידעלע — ביי דער אנדערער.

— קויפטס, גוטע מענטשן, קויפטס. א קינד וויל עסן און קיין מאמע איז נישטא. קויפטס, פרישע, שמעקנדיקע בלומען. — רופט די אלטע מיטן אנצייניקן מויל און דערזעט מיט שרעק, ווי א טונקל־רויט בלעטל פאלט אויפן נאסן טישל, עס דערזעט זיך א קאלטער טראפן בלוט אויפן קאלטן מארבל און א הייסע טרער אינם אלטן פארלאשענעם אויג.

די הויכע געביידעס שטייען זיך גלייכגילטיקע, מאכן זיך זייערע טאג-

טעגלעכע געשעפטן. דער האָטעל „מאָדערן“ נעמט אין זיך אריין אַזויפיל רייכע געסט, וויפל ס'לאָזט זיך נאָר און טוישט וואַלוטעס...

די בלומען־פאַרקויפערינס זיצן זיך אויף זייערע הויכע בענקלעך און פאַרקויפן פרישע, צאַפּלדיקע בלומען. קאָנקורירן מיט דער אַלטער. די צוויי־טונגס־קיאָסקען שפּרייטן נייעס. די יידישע מיידלעך מיט די קורצע, ווייסע שקאַרפּעטן אויף די ברוינע פיסלעך, מיט ברוינע בערעטן אויף די געשוירענע קעפּלעך און געשטריקטע לייבלעך, מיט קורצע ספּודניצעס וואָס האָבן נישט קיין געלט, נישט קיין פּאַפּירן און נישט קיין רעכט צו אַרבעטן, שפּאַצירן מיט בחורים אין אָפּגעכוימלטע רעגן־מאַנטלען אין הייסע זומערדיקע טעג.

נאַכט פאַלט צו, ס'צינדן זיך פייערן איבער געשעפטן און האָטעלען, ס'שימערירן די עלעקטרישע רעקלאַמען. ס'קומען זיך צונויף די אָרעמע שרייבער און קינסטלער, וואָס האָבן נישט קיין פראַנק, צופאָרן אויפן מאָנפּאַרנאַס, כדי אָפּצובטלענען די צייט „דאָרט“, אַנשטאָט דאָ. דער רעפּובליק ווערט אַלץ פולער, רוישט ביז טיף אין דער נאַכט אַריין, ס'פליען נאָך אַלץ די אויטאָמאָבילן, די קאַפּעען לעבן. די סטאַטוע טונקלט זיך מיט איר צווייגל אין האַנט. די אַלטיטשקע שלעפּט זיך אַהיים מיטן צעפּאַלענעם בוקעט בלומען...

— אַזוי זאָל זיך אַלץ צעפאַלן, שעלט זי.

— נישט אַלץ, זאָגט דאָס קינד און קוועטשט עפּעס אין ווייכן הענטל.

— זעסט וואָס דער מוסיו מיט דער באָרד האָט מיר געגעבן, באַווייזט זי אַ גאַנצן פראַנק, זעסט!

די אַלטע האָט אַ פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

## קייטי בראַון

# ר' משה דער שניידער

(אַ לאָנדאָנער באַלאַדע)

זיצט זיך ר' משה פאַרקלערט און פאַרטראַכט
און פילט ניט אפילו, אז ס'איז שוין באַלד נאַכט —
דאַכט זיך אַן עושר, וואָס האָט ער צו זאָרגן;
ער דאַרף דען, חלילה, זיך לייען און באָרגן?
גרויסע סאַלאָנען פאַרפּוצט אַזוי שיין,
אַ קאַר מיט אַ שאָפער, איר מעגט עס שוין זען.
די קינדער דערצויגן, געבילדעט און הויך,
אפילו אַ דאָקטאָר אַ זון האָט ער אויך!
די טאָכטער שפּילט פּיאַנאָ גאָר איינס אין דער וועלט;
אמת, זי האָט אים געקאָסט זער פיל געלט.
היינט ערשט זיין ווייבל מיט דימענטס באַדעקט,
מיט פודער און ליפּסטיק, פאַרפיומען — עס שמעקט!



אַ טייערן „מינק־קאָוט“ געקויפט האָט ער איר,
אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ ווייב פון אַ גביר.
שטענדיק פאַרנומען מיט קאָרטן און ספּאָרט,
האָט קיינמאָל קיין צייט ניט צו רעדן אַ וואָרט.
באַלד דאַרף דאָ קומען אירער אַ פריינט,
אויסנעמען ערגעץ וועט ער זי היינט;
אָפּזאָגן פּאַסט ניט, ס'איז קיין עטיקעט,
פאַר דעם קען זיין ווייבל אים געבן אַ גט.
זיצט זיך ר' משה גאָר איינער אַליין
און נעמט זיך באַטראַכטן וואָס אַמאָל איז געווען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַמאָל, ערשט מיט עטלעכע יאָרן צוריק,
איז ער געווען אַ שניידער, גענייט אין פאַבריק.
זיין ווייבל, אַ ווייבל מיט לייטן צוגלייך,
געוועזן אים טרייער ווי איצטער אַ סך.
די קינדער דאַן האָבן געליבט אים אָן שיעור —
אַ בעסערער לעבן געוועזן איז פריער:
דאָס איינציקע שטיבעלע ציכטיק און ריין,
זי, אַזאַ גוטע, אַ ליבע געווען.
ס'האָט איר ניט געצויגן צו רייכטום און גאָלד,
מיט אים נאָר צוזאַמען פאַרברענגען געוואָלט.
נו, איז זיך ר' משה צופרידן געווען,
נאָר פלוצלונג איז אים אַן אומגליק געשען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ מלחמה אַ גרויסע איז אַרוים אויף דער וועלט,
האָט יעדער גענומען זיך יאָגן נאָך געלט.
אויך אים האָט עס דעמלט פאַרשלעפּט אין כאַאָס,
געוואָרן איז ער דאַן פאַר זיך באַלעבאָס:
געאַרבעט מיט מענטשן בייטאָג און ביינאַכט,
ביז ער האָט אַ גרויסן פאַרמעגן געמאַכט.
דאַן האָט זיין ווייבל גענומען פאַרשטיין,
אַז לעבן ווי ביז איצט איז ניט אַזוי שיין,
און ס'האָט ניט גענומען קיין לענגערע צייט,
האָט מען געצויגן אוועק זייער ווייט.
געקויפט זיך אין עדזשווער אַן אייגענע הויז —
מען לעבט, גאָט צו דאַנקען, לייטיש און גרויס.
מען לאַדנט איין געסט, מען גייט אויך צו זיי,
און דינסטן אין הויז ניט איינע נאָר צוויי.
זי איז שוין געוואָרן געבילדעט אָן אַ שיעור —

רבונו־של־עולם, ווי קומט עס צו איר ? !
אַלעס פאַרשטייט זי, מיט יעדן באַקענט,
אין „לײדיס סאָסייטי" אַ פּרעזידענט.
דאַכט זיך זי איז קיינמאָל געווען אַזוי קלוג,
איצט רעדט זי שטענדיק פון פּאָליטיק.
אַלץ, וואָס איז אידיש, שמעקט איר ניט מער :
פאַרברענגען מיט פרעמדע, איז איר באַגער...
אידיש טעאַטער ? זאָל גאָט אויסהיטן !
פון דעם וואָלט זי זיכער אַנטלאָפן אין מיטן ;
און כאָטש זי פאַרשטייט ניט די ענגלישע שפּראַך,
דאָך לויפט זי צו יענע און צאָלט געלט אַ סך.
אַזוי לעבט זיך איצטער אונזער מאַדאַם —
נו, זאָגט מיר, איך בעט אייך, האָט דאָס אַ טעם ?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ר' משה זעט קיינמאָל קיין ווייב און קיין קינד :
מען לויפט און מען פליט, ווי געטראָגן פון ווינט.
בלייבט ער זיך זיצן עלנט פאַרטראַכט
און ציילט זיין פאַרמעגן פון פרי ביז ביינאַכט.
„גאָטעניו," זאָגט ער, „ווען דו זאָלסט מיך פרעגן,
„מוחל וואָלט איך דיר געווען דאָס פאַרמעגן.
„אויב דו ווילסט באַווייזן מיר אמתע וואונדער,
„דאַן גיב זשע צוריק מיר מיין ווייב מיט די קינדער.
„איך דאַרף ניט דיין רייכטום, עשירות און גליק,
„איך בעט דיך, זיי מוחל און נעם עס צוריק !
„וואָס טויג מיר דאָס אַלעס ? איך דאַרף עס ניט ! ניין !
„בעסער זאָל שוין זיין ווי אַמאָל ס'איז געווען..."

## ל. ש. קרעדיטאָר

# אונטערן שלאָס

### אַ מעשה'לע

לא כפפוס בן יהודה שהיה נועל בפני אשתו ויצא.

געווען אַמאָל, גאָר אַמאָל, אין די אַלטע צייטן, ערגעץ ווייט, ווייט אין יהודה, זער אַ רייכן מאַן. וועלדער, פעלדער געהאַט, קנעכט און דינסטן געהאַלטן, הייזער און פעסטונגען געבויט, נאָר איין איינציקע טאָכטער פאַרמאָגט.

איז די בת־יחידה געווען אַ יפת־תואר — די שענסטע אין גאַנץ יהודה. זער אַ פריילעכע — די פריילעכסטע, אַ גרויסע חכמניות — די קליגסטע און אַזאַ גוטע — די בעסטע אין דער מדינה.

די וואָס האָבן פון איר געהערט האָבן זי זען געוואָלט. די וואָס האָבן



איר געזען האָבן איר באַלד ליב באַקומען. מלכים האָבן פאַר איר פּאַלאַצן געוואָלט בויען און אַ האַלבע מלוכה אָפּגעבן. חכמים האָבן פאַר איר די סודות פון דער בריאה אַנדעקט, דעם פּתרון פון דער טבע געפונען און די רעטעניש פון אין־סוף באַשיידן. גבורים האָבן פאַר איר מדינות געוואָלט איינגעמען, וועלטן פאַרניכטן, דעם אָפּגרונט פון ים אַרויסברענגען. זי האָט אָבער קיינעם פון זיי ניט געוואָלט. פאַר מלכים האָט זי מורא געהאַט, פאַר חכמים האָט זי דרך ארץ געהאַט און די שטאַרקסטע גבורים זיינען נעבן איר בליק שוואַך געוואָרן.

האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז דורך יענער שטאָדט, וואו די בת־יחידה האָט זיך געפונען, איז אַ רייכער, שיינער און גרויסער תלמיד־חכם דורכגעפאָרן. פפוס האָט מען אים גערופן, פפוס בן יהודה.

און ווייבאַלד ער האָט אויף איר אַ בליק געטון איז ער פאַרכישופט געוואָרן און האָט שוין פון שטאָט אַרויס ניט געקענט פאָרן ווייטער.

איז ער צו איר געקומען און מיט גרויס הכנעה געזאָגט :

— די מלכה פון שיינקייט, דו שוועסטער פון דער זון, דו האָסט גרויס חן אין מיינע אויגן געפונען און איך וויל דיר פאַר אַ ווייב נעמען.

האָט זי אים אָנגעקוקט און געפרעגט :

— זאָג מיר שיינער בחור, מיט וואָס פאַראַ מעלות ביזטו געקומען צו מיר ? אויב מיט דיין גאָלד און זילבער בין איך רייכער פון דיר, אויב מיט דיין תורה האָב איך דרך־ארץ פאַר דיר און אויב מיט דיין גבורה בין איך שטאַרקער פון דיר, טאָ זאָג מיר בחור וואָס דו קאָנסט מיר געבן !

האָט איר פפוס מיט ליבע פייערדיקע בליקן אָנגעקוקט און מיט רחמנות צו איר אַזוי געזאָגט :

— הער מיר צו, שיינע טאָכטער, מיינע עשירות איז צו קנאַפּ פאַר דיר. מיט מיין חכמה דערגרייך איך ניט צו דיר. אויב מיין האַרץ איז דיר גענוג קאָן איך עס דיר, נאָר דיר, אינגאַנצן אָפּגעבן.

און ווי די שיינע בתולה האָט זיינע רייד דערהערט איז ער איר זער געפעלן געוואָרן און האָט זיך צו אים אָפּגערופן :

— שווער מיר, שווער ביי גאָט אין הימל !

— איך שווער ! — האָט ער מיט גרויס פרייד אויסגעשריען און זיינע צום הימל געהויבענע אויגן אין „אחד" פאַרקוועטשט.

האָבען זיי באַלד אַ הויז געבויט, חתונה געהאַט, משרתים גענומען און זיך זער ליב געהאַט. דעם גאַנצן יאָר נאָך דער חופה האָט פפוס בן יהודה זיינע עסקים פאַרלאָזן און זיין ווייב משמח געווען ווי גאָט האָט אין זיין תורה געבאָטן. צוזאַמען געלעבט און נחת געהאַט.

און ווייבאַלד דאָס יאָר איז אַריבער האָט ער זיך צו זיינע מסחרים געקערט אַרויס אין וועג. געווען אין מערק און אויף ,ירידן" געפאָרן. צום אָוועגט אהיים געקומען, צו זיין ווייב געקערט, וואָס האָט צו איר מאַן געגאַרט און אויף דער נאַכט געוואַרט...

און אזוי זיינען אריבער טעג נאָך טעג, וואָך נאָך וואָך. פּפּוס איז אין דער ברייטער וועלט ארומגעפאָרן. כל הנייעסן געהערט, און זיין ווייב, ווי אַ אשה צנועה, איז אין הויז געזעסן און אויף זיין קומען אויסגעקוקט.

האָט אַמאָל געטראָפן, אַז פּפּוס איז אַהיים געקומען, פון זיינע געשעפטן צוריקגעקערט זייער אומעטיק און זיין פנים איז בלייך געווען. איז זיין שיינע ווייב פארוואונדערט געוואָרן און אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר מיין ליבער, זאָג מיר וואָס אזוינס האָט דיר געטראָפען, אַז דיין פנים איז בלייך און דיין געמיט געפאַלען? דערצייל פאַר מיר, דערצייל, אפשר וועל איך דיין אומעט לינדערן? לאָמיך דיינע ליידן אויף צווייען טיילן. זאָג איך בעט דיר!

האָט איר פּפּוס פאַר איר צאַרט־ווייסן האַנט אָנגענומען און שטיל ווי א תפילה בלחש זיין אומעט פון האַרצן אויסגעגאָסן:

— איך בין היינט אויף אַ גרויסן „יריד“ געווען. אַ „יריד“ צו וועלכן מלכים און שרים פאַרזאַמלען זיך. האָב איך פון וויטן אַ ריטער דערזען. אַ שיינעם הויכן ריטער. פיל דינער האָבן אים אַרומגערינגלט, ער איז אין מיטן געשטאַנען און מיט זיינע אויגן אין די ווייטעניישן געוועדעט. ער האָט געקוקט אין אַלע זייטן און יאושדיק געזוכט. איך האָב געמיינט, אַז ער זוכט סחורה צוקויפן האָב איך אים מיין סחורה אָנגעבאָטן. ער האָט מיט זיין האַנט אַ יאושדיקן באַוועגונג געמאַכט און מיט רחמנות געזאָגט: „דאָס וואָס איך זוך קאָנסטו מיר פאַר קיין געלט ניט געבן. איך זוך מיין שיינע ווייב, וואָס איז מיט אַ קנעכט אַנטלאָפן און איך קאָן איר ניט געפינען. געזוכט איר אין פעלדער אין וועלדער, געזוכט איר אויף בערג און אין טאָלען און נישטאָ“.

איך האָב אויף אים רחמנות געהאַט, אַ ווײַלע אויך געקוקט מיט זיינע דינער צווישן גרויסן עולם, אָבער באַלד האָט מיר דאָס האַרץ אַ קלעם געטאָן. איך האָב מיין סחורה איינגעפּאַקט און אַהיים געקומען.

מער האָט פּפּוס ניט געקאָנט דערציילן. זיינע אויגן זיינען אים פול געוואָרן, און פון זיין האַרץ אַ טיפן זיפץ געטון.

האָט זיין ווייב ווייטאָג אין איר האַרץ דערפילט און אים טרייסטן גענומען, אַז ער זאָל קיין צער ניט האָבן, ער זאָל קיין מורא ניט האָבן, זי וועט זיינע אייביק זיין.

איז פּפּוס נאָך ניט געטרייסט געוואָרן פון אירע רייד, געזיפצט און היטער דערציילט:

— אָ, מיין ליבע, ווען דו וואָלסט זען יענעם ריטער, ער האָט געוויינט, אין חלשות פאַרגאַנגען. געמינטערט האָט מען אים, מיט קאַלטע וואַסער געשפריצט, נעל איז זיין פנים געווען, ווי אַ מת אויסגעזען.

האָט די שיינע ווייב פאַרנומען איר מאַנס רייד און גערירט געוואָרן. זי איז אים אויפן האַלדז געפאַלן, צו איר ברוסט אים געדריקט, זיין שטערן געקושט און ביי גאָט געשוואָרן, אַז זי וועט אויף פרעמדע מאַנסביל ניט קוקן,



אין הויז נאָר זיצן און טריי ביזן קבר אים בלייבן. און פּפּוס איז רוהיקער געוואָרן.

מיטן מאָרגנשטערן גלייך איז ער אויפגעשטאַנען, תפילת־הדרך מיט כונה אָפּגעזאָגט, זיין ווייב אין שענסטן חדר אַריינגעפירט. אַ ברכה איר געלאָזן, אויפן טיר אַ פעסטן שלאָס אויפגעהאַנגען און מיט אַ זיכער האַרץ צו זיינע עסקים אין וועג אַוועק.

איז די שיינע אשה צנועה אין ריינעם פאַרשלאָסענעם חדר אַליין געבליבן און אין גאָרטן פון פּאַלמען און מירטן אַריינגעקוקט.

און געזען האָט זי די זון־באַלויכטענע בלומענבערעלעך, די פון ווינט געבויגענע צווייגעלעך, די פאַרבייפליענדיקע גאָלד־געלינקע פויגעלעך, און געהערט האָט זי די שטילע סודותדיקע תפילות פון די טענעבוימער. אויף וועלכער עס האָבן אַלבאַסטער־ווייסינקע טייבעלעך געשפּילט און מיט זייערע רויטע שנעבעלעך צנעותדיק געקושט, און אי חנעוודיק אי שטיפעריש אין לופטן זיך געדרייט.

אַז ס'פלעגט איר אומעטיק ווערן האָט זי די פייגעלעך אויפן קול גערופן: ליו! ליו! ליו!

האָט איר קול איבערן גאַנצן צימער געקלונגען. געקייקעלט זיך אין מעלאָדישע טרעלען און זיך געשפּאַרט דורך די פענסטער אין לופט אַריין, אין דער פרייהייט. האָט זי זיך אַליין פון איר קול דערשראָקען און איז שטיל געבליבן. אַ יידישע טאָכטער טאָר ניט זינגען — טראַכט זי — שטיל שעפטשן מיט ליפּן אָפּטרייבן די פייגעלעך:

— פיו, פיו, פיו! פילט אייך פייגעלעך, פליט אייך, אין די הויכעניש, צו די וואָלקענס אַזש צום כסא־הכבוד, און זאָגט דעם רבונו של עולם, אַז איך זיין דינסט טו זיין רצון, זאָל ער מיר דורך אייך זיין ברכה שיקן. אַ ברכה פאַר מיין ברכה: „שעשני כרצונו“...

האָט זיך איר געדוכט, אַז די קראָען האָבן אמן געענטפערט, אמן האָבן די שוואַרצע ראָבן פון די שפּיץ ביימער געזאָגט און אמן האָבן אַלע רמשים אויף דרערד געזשושעט.

און, אַז זי פלעגט אָפּטון אירע בליקן פון פענסטער און אין איר הדר אַריינקוקן איז איר נאָך אומעטיקער געוואָרן. אַ טויטער גן־עדן שלאָס מיט פון לאַנג פאַרשטאָרבענע מלכים בילדער, מיט פון שטיינער אויסגעהאַקטע קעניגענס, וועלכע האָבן אפשר ווי זי אין פאַרשלאָסענע פּאַלאַצן געליטן און געשטאָרבן, אין מזרח־וואַנט אַלטע ספרים אין וועלכע זי טאָר ניט אַריינקוקן... און פלעגט צוריק צום פענסטער צוטרעטן.

האָט זי איר שאָטן אין די שויבן גלעזער דערזען, און אַ מורא אומעטיקן געשטאַלט. האָט זי זיך דערשראָקן, און געמיינט, אַז אימיצער קומט צו איר אין חדר דורכן פענסטער. מען קומט איר באַדרויען אָדער טרייסטן. ניין, זי וויל ניט געטרייסט ווערן. יסורים פון ליבע זיינען דאָס, אי זיס זיינען זיי אי לייכט זיינען זיי. אַליין וויל זי זיי טראָגן אַליין: און, אַז זי איז רואי־

קער געוואָרן האָט זי אַ שייבל פֿון איר פֿענסטער געעפֿנט און איר קאָפּ אַרויסגעשטרעקט. זײַנען די זון־גאָלדערנע שטראַלן אויף אירע שוואַרץ־ברוינע האָר געפֿאַלן. אירע אויגן געבלענדעט און אין איר פּנים געלאַכט.

קומט אַ שטיפֿערישער עזות־פּנים'דיקער ווינטעלע פֿון ערגעץ און שפּילט זיך מיט אירע לאָקן, דעקט אויף די ברייטע אַרבל פֿון איר מאָרגן קלייד און גלעט איר צאַרטן לײַב. זי דערמאָנט זיך אָן איר מאַן, זי דערמאָנט זיך, אַז זי איז אַן אשת־איש און קיינער טאָר איר ניט באַרירן, קיינער ניט, דער ווינט אויך ניט.

און אַזוי האָט זי געווײַלט דעם טאָג ביז די זון נעמט פֿאַרגיין טיף אין די ימים ערגעץ, און טונקלקייט נעמט אַרום דאָס חדר. דער גרינער גאָרטן פֿאַרהילט זיך אין שוואַרצן, און אין די ווינקלען פֿון איר חדר ווי אַן אימה שוועבט. ס'נעמען זיך דרייען גרין־געלע רעדעלעך ווי אין אַ מכשפֿים געדריי, אַ רעדעלע אין אַ רעדעלע. יעדער אין אַן אַנדער קאָליר. אָט פֿאַרשווינדן זיי פֿון אירע אויגן און אָט קומען אַנדערע צושוועבן און פֿילן אָן אימה אין די ווינקלען. פּלעגט זי זיך שרעקן. פֿון יאוש צו די שדים אין די הענט וועלן זיך איבערגעבן, דעם אשמדי די האַנט דריקן, גיין מיט אים, געכאַפּט ווערן פֿון אים, ניט זײַן וואָס זי איז, וואו זי איז גאָרנישט!

פּלוצלונג דערהערט זי דאָס קלינגען פֿון די שליסלען און דאָס סקריפּען פֿון פֿעסטן שלאָס. איר מאַן איז פֿון זײַן נסיעה געקומען. אַ שבח צו גאָט פּלעגט זי אָפּגעבן. מיט שמחה אין זײַנע אָרעמס פֿאַלן, מיט פֿרייד־טרערן איר ליבע אויסדריקן און אין גאַנצן צו אים זיך איבערגעבן ווי זי האָט אים געשוואָרן.

און אין יענער אשמורה בײַ נאַכט, ווען מאַן און ווײַב ריידן צווישן זיך האָט זי אים שמייכלענדיק און שפּאַסנדיק דערציילט פֿון דעם שטיפֿער, דעם עזות־פּנים, וואָס האָט מיט אירע האָר געשפּילט, אירע אַרבל אויפֿגעדעקט און איר האַנט געגלעט. זי איז פֿון אים אַנטלאָפֿן, אין אַ ווינקל פֿון חדר זיך באַהאַלטן, כשר און ריין געבליבן, ריין און טרײַ!

— ווער? — האָט פּפּוס אין ברענענדיקן צאָרן געשריגן און פֿון איר ברוסט אָפּגעקערט — ווער האָט געוואַגט דײַן גוף באַרירן? זאָג, זאָג און לייקען ניט פֿון מיר, איך וועל אים פֿאַרניכטן, איך וועל דיר פֿאַרניכטן. גיך מײַן שווערד דערלאַנג, מיט דײַנע הענט דערלאַנג, אין דײַן ברוסט וועל איך עס אַרײַנשטעקן. טמא, טמא ביזטו, מים המאררים מוזטו טרינקען, צו שאַנד און שפּאָט בלײַבן!

האָט זי זיך צניעותדיק צעלאַכט, איר האַנט אויף זײַן מויל געלייגט און מיט געמאַכטן כעס און צאָרן געשריגן:

— האַלט! האַלט אײַן דײַן כעס און פֿאַרגים ניט קיין אומזיסטיקע בלוט! קיין בשר־ודם האָט מײַן לײַב באַרירט, קיין לעבעדיקער נפֿש האָט מיר נישט געזען, אויסער דער עזות־פּנים — דער ווינט!

באַלד האָט ער איר שפּאַס דערקענט און צוריק צו זײַן ברוסט איר דער־



נענטערט, אירע ליפּן געקושט, זײַן האַרץ האָט פֿון ליבע און שרעק געקלאַפּט און הויך, הויך ליידענשאַפֿטלעך צולאַכט.

* * *

דער מאָרגנשטערן האָט אין חדר אויסגעליוכטן, פּפּוס בן יהודה איז פֿון שלאָף אויפֿגעשטאַנען. אַן אומרואיקע נאַכט געהאַט. בייזע חלומות געחלומט. ווינטן האָבן אירע האָר און ליפּן אין לופֿטן געווייט, שוואַרצע אָדלערס האָבן מיט זייערע שנאָבלען זײַן ווײַב געטראָגן, און אויף פֿעלזן הויכע באַזעצט. פֿיל קעפּיקע פֿויגל האָבן געזונגען און געקראַקעט פֿאַר איר. דער ריטער האָט אַ בלייכער ווי אמת אין ליכט געשוועבט און זײַן ווײַב געזוכט. אַ שוואַרצער דינער האָט זײַן ווײַב פֿון חדר געטראָגן, און פֿון זײַנע ווײַסע ציין איר אַ רויטע צונג געוויזן. מחנות מלאכים מיט גראָע פֿעדער פֿליגלען האָבן זיך נאָך זײַן ווײַב געיאָגט. ער האָט גענומען נאָכלויפֿן און אַרונטערגעפֿאַלן פֿון אַ הויכן באַרג און דעם קאָפּ אָפּגעקלאַפּט. ער פֿילט נאָך אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטאָג..

צעבראָכן האָט ער זיך געפֿילט, די חלומות האָבן זײַן מוח צוטומלט, זײַן מוט באַטריבט. פֿון איר בעט קאָן ער ניט אָפּטרעטן. ער האָט מורא זי לאָזן אַליין, ער האָט מורא פֿאַר אַ פֿרעמדע האַנט וואָס קאָן איר, חלילה, באַרויבן. מיט אימפּעט האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון איר צימער און מיט האַסט אַ פֿעסטן שלאָס אויפֿן טיר פֿאַרזיגלט. און ערשט דאַן איז ער רואיק צו זײַנע געשעפֿטן אין מרחקים אַוועק.

פֿון דרוק פֿון שלאָס האָט זיך זײַן ווײַב אויפֿגעכאַפּט. אויסרײַבנדיק די אויגן האָט זי קיינעם פֿאַר זיך ניט געזען. נישטאָ די גרינע צעדערבוימער, ניט מער די תּפֿילות פֿון די געזאַנג פֿויגלען, די ליכטיקע וועלט איז פֿאַר איר פֿאַרשלאָסן, מער ווי די בעט אין איר שלאָף חדר האָט מען פֿאַר איר ניט איבערגעלאָזן...

לאַנג, זייער לאַנג איז זי דאָס מאָל אונטערן שלאָס געבליבן. קיינער האָט עס ניט געוואוסט און ניט געוואַגט און ניט געקאָנט עפֿענען. די שליסלען זײַנען בײַ איר מאַן געבליבן. אים האָבן די רוימער, אַלס פֿאַרדעכטיקן אין מרידה במלכות אין תּפֿיסה אַרײַנגעזעצט. זי איז אַליין געבליבן, טעג געוויינט, טעג געהונגערט, היסטעריש איר קאָפּ אָן וואַנט געשלאָגן. איובֿס קללות געשאָלטן, איובֿס יסורים געליטן, אַ ייִדישע טאָכטער געבליבן און ווי אַ ליכט אונטערן שלאָס אויסגעגאַנגען.

* * *

אויף איר קבֿר האָבן די חכמים אַ הספּד געמאַכט און אירע כשרע מעלות אויסגערעכנט, נאָר צוגעגעבן, אַז אַ מענטש טאָר ניט זײַן ווי פּפּוס בן יהודה וואָס פֿלעגט פֿאַרשליסן זײַן ווײַב און אַליין אין וועג צו זײַנע עסקים אַוועקגיין.

## נחום שטענצל

# דער „ביג“־פייפער...

פאַרפרעסענע פאַרשוינען — זיי האָבן פּעטע בייכער, נישטיקע הערצער און קליינטשיקע שפּיציקע אייגעלעך; ווייל אַז דאָס האַרץ איז לעער, ווערן די אויגן איינגעשרומפּן און וואַסעריק, ביז זיי זענען שוין אַזוי קליין, אַז זיי זען נישט מער די וועלט — בלויז נאָר די קאָריטע...

ביי זיי איז נישטאָ קיין נויט און שפּאַנונג, אפילו נישט קיין הונגער; זיי פרעסן סתם אַזוי, אַבי צו קאָרמענען דעם „קל־וחומר“; אפשר בכדי אַנ־ אַנדערער זאָל זיך דערקוויקן שפּעטער מיט זייער פעטן ביסן...

* * *

אַ קינד און אַ תם — אַ „גאַנצער“, אַן איש תמים, אַן אויפריכטיקער — זיי האָבןביידע גרויסע הערצער, גרויסע, פרעגנדיקע אויגן, וואָס האַלטן אין איין וואונדערן־זיך; אין זייערע אויגן איז כסדר פאַראַנען די שפּאַנונג, הונגער און דאָרשט צו וויסן, צו דערגיין די סודות פון נאַטור, מענטש און חפצים. תמיד פאָרשן זיי, ווייל וואָס גרעסער דער הונגער, דאָס גרעסער די אויגן; ווער האָט דאָס נישט אַמאָל געזען די שרעקלעך־גרויסע, פולע־לבנה׳־דיקע אויגן פון אַ פאַרהונגערטן אין אינדיע, מיט זייער לעצטן פרעג — פאַרוואָס, פאַרוואָס!...

* * *

דער „דערוואַקסענער“, דער קלוגיטשקער־ציניקער, ער איז אַ זאַטער־געזעטיקטער; ער קוקט דיך שטענדיק אָן מיט זיינע שפּיציקע אייגעלעך, וואָס שטעכן זיך באַלד אין דיר איין ווי צוויי נאָדלען, אויסצוזאַפּן פון דיר דאָס בלוט, עס אויסצוזויגן.

אין זיינע אויגן איז קיינמאָל נישטאָ דער פאַרוואָס. ווייל זיי ווילן קיינ־מאָל גאָרנישט וויסן. זיי ווייסן שוין אַלצדינג; פול זענען זיי בלויז מיט כיט־רעקייט און טריקס.

אָט אַזאַ מין פאַרשוין, אַזאַ זאַטער־געזעטיקטער, מיט אייגלעך שפּיציקע וואָס ווייסן שוין אַלצדינג, וואָס, ווען זיי דערזען אָפּאָר סעמיטישע גרויסע אויגן, וואָלטן זיי זיך אַמליבסטן שפּיציק אין זיי אַריינגעשטאָכן, איז היינט צו טאָג דער הויפּט־דעה־זאָגער אין דער פּאָליטיק, אַ „ביג“־פייפער

זאָגן זאָגט מען אפילו, אַז דערזעלבער ביג־פייפער, אין זיינע יונגע יאָרן, האָט אויך אַמאָל געהאַט צוויי גרויסע אויגן, הגם נישט קיין ווייכע סעמי־טישע; ער האָט אָבער זייט אַ פּאָר צענדליק יאָרן שוין אַריינגעשטעקט זיין נאָז אין דער קאָריטע, איז זיין קל־וחומר אים געוואַקסן, און זיינע אייגעלעך קלענער געוואָרן, ביז זיי האָבן באַקומען די גרויס פון צוויי שפּילקעס.

איצט שטייט ער שוין ביי אַ גרעסערער קאָריטע; נישט קיין הונגערי־קער, אָבער, מיט צושפּרייטע פיס, ברייט אָוועקגעשטעלט, עס זאָל חס־וחלילה קיינער עפּעס דערפון אַ רויספּיקן. איינעם, אַ וואָלף, האָט מען שוין פאַר־טריבן; אָבער עפּעס אַ בער אַן אומגעלומפּערטער שאַרט זיך עפּעס לאַנגזאַם



צו פונדערווייטנס... און, פּלוצים, קומען גאָר אָנגעפלויגן אַ פּאָר הונגעריקע פייגל און זשוביען אויך; ס׳איז נישט צו גלויבן, אָבער זיי מאַכן אויך „טראָבל“, אַפּנים זיי זענען גוט הונגעריקע...

האָט ער זיך אַזוי ברייט אָוועקגעשטעלט, דער ביג־פייפער, און מיט זיינע פעסטע, פעטע ידיים אונטערגעשטיצט זיין שווערן גוף, דאָרט אין באָרנמוטה, די סימבאָלישע שטאָט פון אַלע זאַטע פייפערס, וועלכע קומען נישט אַהין קיין הונגעריקע און גייען פון דאָרט נישט אַוועק קיין זאַטע... — און אָוועקגעלייגט יענע דרשה, שוין איינמאָל אַ דרשה, אַז ווי הונגעריק מ׳זאָל נישט זיין קען איינעם שוין פאַרגיין דער אַפּעטיט:

„אָט האָסטו דיר יידעלעך אויף דער וועלט; ווי מ׳זייט זיי נישט דאָ וואַקסן זיי דיר אויס. מ׳קען פון די הונגעריקע פייגל לגמרי נישט פּטור ווערן. כאָטש יאָג זיי אַוועק פון דער קאָריטע, וועלן זיי דיר אַלץ צוריק אָנפליען. און מיט זייערע יידישע שנאָבלען אַלץ אָוועקזשוביען וויפל נאָר מ׳לאָזט זיי. מ׳מוז זיי שטענדיק היטן. אמת טאַקע, זיי קענען אַזוי שיין זינגען און סווישטשען, אַז דער ברוסט־קאַסטן גיט זיך דיר אַזש אַ הייב; טאָ זאָלן זיי זיך זיצן אויף זייערע ביימער, אָדער אַרומפליען אין דער לופטן — וואָס לאָזן זיי זיך אַראָפּ אויף מיין ערד און זשוביען פון מיין קאָריטע דאָס הייסט מיר אַ חוצפּה!“

„והשנית, ווער האָט דאָס אַמאָל געהערט אַז פייגל זאָלן זיך וועלן באַ־זעצן אויף איין אָרט? פייגל מוזן תמיד וואַנדערן פון איין אָרט צום צווייטן. אַ חוץ עפּעס דאָרט אַ פּאָר הונדערט טויבן אין טראַפאַלגאַר־סקווער, ביים נעלסאָן־קאָלום, אַלס אַ זענסווירדיקייט פאַר טוריסטן, זיי זאָלן דיר אַרויסעסן פון די הענט...“

אומגעפער אַזוי האָט ער געטענהט צו די יידן, דער ביג־פייפער, און זיי געמוסרט: „אויב איר ווילט זיין קולטור־פאַרשפּרייטער, אויסזינגען אייער פּאָעזיע, פאָרשן די סודות פון דער נאַטור, אדרבא ואדרבא, שטייט די וועלט פאַר אייך אָפן... איר קענט אַרום פליען אינם חלל ווי לאַנג איר ווילט, נאָר בלייבט אין דער לופטן... אויב איר ווילט שוין יאָ עסן, איז פון יענעמ׳ס קאָריטע, פונם בער, פונם וואָלף, נישט פון מיינער.“

* * *

אין ארץ ישראל האָט אָבער אַפּנים דער ביג־פייפער פאַר זיך נישט סתם עפּעס אַ זינג־פייגעלע, אַ וואַנדער־פויגל, וועלכן מ׳קען אָפּסטראַשידלען מיט צוויי שפּיציקע אייגעלעך; ניין, עס איז שוין דאָרט אַהין אָנגעפלויגן אַן אָדלער, נישט בלויז מיט צוויי גרויסע אויגן, נאָר אויך ברייטע פאַכעדיקע פליגל, אַ שפּיציקן שנאָבל און שאַרפע גראַטשעס; ער האָט זיך דאָרט הויך אויבן, אין די הרי־ציון, אַ נעסט געבויט, און איז גרייט עס צו באַשיצן — ואשא אתכם על כנפי נשרים... און די קליינע מידע פייגעלעך, וואָס זענען נישט געפאַלן אויפן וועג, אויפן ווייטן, זינגנדיק־פישטשנדיק אַזוי, וועלן זיך אויך דאָרט אַראָפּלאָזן און דאָרט ענדיקן זייער ליב־געזאַנג: תבאמו ותטעמו בהר נחלתך...

## משה עובד

# צו די באַגלייטער פון אונזער האַרציק לידעלע

איך בעט אייך קלאַווירן, פאַרמאַכט אייערע מיילער,
טאַצן און פּויקן, בלייבט פאַרפרוירן,
ווייל אונזער ליד איז ניט פאַר נאַכט־פאַרוויילער,
עס פּראַלט אויף און שאַלט אין געטליכע טויערן.

אויב איר קענט עס צו די שערי־שמים באַגלייטן,
דאַן באַגלייט עס אויף שטילע שפּיצפינגער טריט,
אויב ניט, זייטזשע מוחל, בלייבט פונדערווייטן,
באַראַבאַנט ניט, טאַראַראַמט ניט, עס נויטיגט זיך ניט.

תרי״ג מצוות פאַרשוואונדן, זעקס מיליאָן פאַרלוירן,
אַלעס וואָס געבליבן איז אונזער האַרציק לידעלע,
שאַנעוועט עס כלי־זמר! איר זענט באַשוואוירן!
באַגלייט עס ווי דער ווינט, דוד המלך׳ס פידעלע.

---

# געהאַלטענע רעדעס צום 30-טן יאָרצייט פון שלום עליכם

## 1. פאָלקלאָר און פאָלקס-ליד

קאָן מען דען אַ פאַרגלייך געפינען דאָס פאָלקס־ווערטל דערצו צו וועלן פראַגלייכן, אַז ביידע, די שיינקייט פונעם געפונענעם משל און די קלוגקייט פון נמשל, האָט עס אין זיך, דאָס געלונגענע גלייך ווערטל. עס איז די אויסגע־זאַפּטיקטע צייטיקע פּרוכט, וואָס איז די וואונדערלעכע שאָל און די בע־טעם׳טע יאָדרע צוגלייך. און דאָס פאָלקס־ליד — עס איז דאָך דער זיסער חלום און דער אויסגעטראָגענער שווערער פּתרון דערפון.

דאָס נאַאיוו־תמימותדיקע מיידל זינגט פון איר אָפּגעטאַרטער ליבע, — פונם „שאָלטיק״! — און דאָס האַרץ אירס קלאַפּט צו צום טאַקט. ווער פאַרשטייט דעם מיידלישען סוד פון אַזאַ מיסטעריע? אַז זי אַליין ווייסט עס דאָך נישט, אַז איר צעקנאָספּעט בריסטל איז פול מיט ציטערדיקער פרייד... און ווען די מאַמע בייזערט זיך אין איר אויפגערעגטן כעס אויף איר בן־יחיד׳ל: „צו אַלדי גוטע יאָרן״! ווייסט זי דען צומאָל ווי טיף אירע ליבע איז דעמלט. און מיט וויפיל בענטשן פול זיינען די פון צאָרן טרייסלדיקע ליפּן אירע.



און ערשט די לוסטיקע כיטרעדיקייט פון די פאַרשייטע אַרבעטער־לידער און די שפּיציקייט פונם האַלב־פאַרמאַכטן אייגל פון אַ בייזן שטראָף־ווערטל. נישט אויף אונטערשטע פיס אַ וואַקלדיקער ציגנבאָק, אַ באַהאָנגענער מיט ווייַנטרויבן און מיט בלוט־רויטע רויזן איז דער גאָט פון דער יידישער סאַטירע אַ פאַרשיכורטער פונם „ביטערן טראָפּן״! דאָס „גאָלדענע ציגעלע״, אַ פאַרשטעקטס „אונטער יענקעלעס וויגעלע״, „האַנדלט מיט ראָזינקעס און מאַנדלען״. און ווי קלוג און ווי פרום מוז עס דאָס זיין, אַ „די תורה איז די בעסטע סחורה״. עס האָט אין זיך די גוטסקייט און די זיסקייט פון הומאָר.

מ׳קאָן זיך אָבער דאָך נישט איינהאַלטן פון אַ פאַרגלייך! וואָרים איז דען נישט אונזער ערשטער באַוואוסטער פאָלקלאָר דיכטער געווען דער דובנער מגיד, וועלכער איז פול געווען מיט קלינגנדיקע משלים. ווי די פּושקע פון רבי מאיר בעל־נס מיט מתן בסתר?

צום הענגל טרויבן, וואָס וואַקלט און לאָקערט און באַהאַלט זיך פאַר דער גליענדיקער זון, בכדי אין שאָטן פונם צווייג נאָך לענגער אויסגעשטאַנען צו ווערן און ווינקט כיטרע פון דאָרטן אַ פּייער מיט ווייַן־פאַרגאָסענע טרויבן־אייגעלעך, קאָן מען דאָס פאָלקס־ווווערטל פאַרגלייכן, און צום שוים וואָס הענגט בלעזלדיק אויף די ליפּן פונם גוסס, פון אַזויפיל נישט דערזאָגטע רייד פון זיין גאַנצן לעבן — — —

און ווען דער דובנער מגיד האָט זיך געמוזט ערשט שטעלן אויף אַ שווערן פּסוק דיבאָס. בכדי צו באַווייזן ווי אַ צדיק אויף יענער וועלט קאָן זוכה זיין צו אַ שטיק עק פון לויתן, האָט שוין שלום עליכם׳ס טוביה געגעבן צו עסן זיין פערדל היי פונם סידור אַרוים. און פּסוקים האָט ער אייגענע, און זיי שיטן זיך ווי פון אַ צעריסענעם זאַק און זיי קלעבן זיך ווי די אַרבעס צום וואַנט. — —

אין שלום עליכם׳ס ווערק דרייען זיך די יידן אַרום ווי אויפן יאַריד און מ׳שרייט און מע רעש׳ט און מע האַנדלט און מע וואַנדלט. שלום עליכם איז יידישלעך, דער ייד פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר; ער איז נישט דער „שבת יום־טובדיקער״, דער פאַר׳מוח׳טער און פאַר׳דבקה׳טער, דער „נשמה צעפלאַקערטער״; ער איז נישט דער פּקחותדיקער, דער חריפותדיקער — שלום עליכם האָט אין זיך די פּראָסטע לעבנס־קלוגקייט פונם געפּרואוווטן יידן, פונם פּראַהאַרטעוועטן האַראָפּאַשנעם מענטש, מיט אַ קלוגער עצה און גוטן ראַט און טאַט.

שלום עליכם׳ס סטיל איז שאַרפזיניק פאַרטראַכט און עמקותדיק פאַר־טיפט — וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג! פון אהבת ישראל פאַר־שיכורט און פונם ביטערן טראָפּן פון צרות ישראל. זיין יידישלעך האַרץ איז אַ מאַמע וואָס גיסט אויס איר פול האַרץ פאַר גאָט!

אויב יידישער פאָלקלאָר פילטרירט ביי מענדעלען צו סטיל, ביי פּרצן צו „אויב נישט נאָך העכערס״! פילטרירן ביי שלום עליכמען די טרערן פון דער כנסת־ישראל צו האָפּערדיקער פרייד און צו בטחונדיקער חדוה —

אויפגעציטערט אינם צער פון זיין פאָלק צעטריפט זיין האַרץ מיטן פאָלקלאָר פון זיין פאָלק צו געשאַפענער ליטעראַטור. ער אַליין איז דער פילטער, דער מיט־געלייטערטער וואָס קיין איין טראָפּן גייט אין אים נישט פאַרלוירן, נישט פונם לויטערן ווייַן און נישט פונם אָפּגעשטאַנענע הייוון.

יאָ, אויב דער יידישער פאָלקלאָר האָט אין זיך די אַלטע יידישע קלוגקייט פון קהלת, האָט אין זיך דאָס יידישע פאָלקס־ליד די זיסקייט פון שיר השירים! און איז דען נישט די מייסטערלעך־קינסטלערישסטע דערציילונג שלום עליכם׳ס אפשר זיין דערציילונג „שיר השירים״?

שוין אין זיינע ערשטע יוגנד־ראָמאַנען איז רחלע די הויפּט־העלדין, יענע אין וועלכע „די מיידלעך האָבן ווידער ליב געהאַט פאַר איר זינגען יידישע פאָלקס לידער—שלום עליכם׳ס ליבע,—רחל׳עס און סטעמפּערניוס,—זיינען די יידישע פאָלקס־לידער.

און דאָס יידישע פאָלקס־ליד האָט אין זיך נישט נאָר די ליבלעכע זיסקייט פון דער יוגנד, — וואָס פירט אויפן גלייכן טראַקט פון דער צייט צום גלייך־ווערטל! — עס איז ווי די העגנענגעבליבענע טרער, ביים וויינענדיקן קינד, וועלכעס צעשמייכלט זיך שוין, אַזוי שלום עליכם׳דיק, דערזעענדיק די אָנקומענדיקע מאַמע מיט איר ליד אויף די ליפּן.

## 2. שווער צו זיין אַ ייד

איך ווייס נישט אויב שלום עליכם איז דאָס דער דראַמאַטיקער, אָבער ער איז דער דראַמאַטישסטער אין דער יידישער ליטעראַטור, פונקט ווי ער איז נישט דער ראָמאַניסט, אָבער ער איז דער יידישלעכסטער ראָמאַן־שריפטשטעלער. שלום עליכם איז דער פאָלקס שרייבער פון אונזערע קלאַסיקער און דער קינסטלער ווירטואָז צווישן זיי.

ס׳איז שווער צו זיין אַ ייד און ערשט נאָך צו זיין אַ קינסטלער ביי יידן! די פּראָפעסיע פון מוכיח, פון מוסר־זאָגער איז ביי אונז שוין טראַדיציע, אזש העט־העט ביז צו די נביאים, ביז צו משה רבינו, און קיין גרעסערס האָבן מיר נישט. דער אייביקער שעפערישער פּערספּעקטיוו אונזערער איז גראָדזשען מיט פינגער פון אויבן אַראָפּ, פון הר־עבל און הר־גריזים — פונם בעלעמער און שרייב־טיש אַראָפּ!

בלייבט נאָך איבער דאָס ביסעלע ראָמאַנטיק: צו שטעלן זיך אויף די קני און צו קוקן פון הינטן אַרויף צום געליבטן „אונטער מאָנד און שטערנע״, צום העלד־אויפן פּיעדעסטאַל — צו מרדכי הצדיק אויפן פערד!

שווער איז געווען דער וועג פונם יידישן קינסטלער ביז ער האָט געקאָנט צוקומען צום רעאַליזם! שווער צו זיין אַ ייד! וואָרים אויב פּערספּעקטיוו, אויב צו קונסט איז נויטיק ווי צום לעבן דאָס ביסעלע דיסטאַנץ, פאַרוואָס נישט שונד? (איר קענט דאָך מסתמא דאָס פאָלקס ווערטל ווי עס טייטשט אויס דעם „במקום שבעל תשובה עומד״...) וואָרים אויב ראָמאַנטיק פירט צו עולמות עליונים, פירט דאָך שונד אינם שאול תחתיות! און דער סתם־



לייענער, ווייסט ער דען צו אונטערשיידן, ווען ער זינקט אין בלאָטע און ווען ער שוועבט אין די וואָלקענעס. דער עיקר איז דאָך ביי אים, ביים סתם־לייענער, ביים „ליבן לעזער״, דאָס אוועקגיין פון זיך, פונם רעאַלן שווערן לעבן.

און שומערס אוואַנטוריסטישער גענעראַל מיט זיין „מאָנד און שטערנע״ פאַרליבעניש איז מנצח חלילה אונזער פאַרליבטן פישקען!

איז שלום עליכם געקומען און געשאַפן דעם יידישן רעאַליזם!

אָבער אויך רעאַליזם מוז האָבן פּערספּעקטיוו, — טעכנישן, אימפּרעסיאָניסטישן, — דער רעאַליסט געברויכט גאַרנדיקע ווערטער, אַ ציגל אויף אַ ציגל לייגט ער די זאַצן, ביז סקומט סוף כל סוף נישט אַנדערש אויס ווי אַרויפצוקוקן צו זיין „העלד״ ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ פּיעדעסטאַל — כאָטש מישטיינס געזאָגט ווער ס׳איז זיין „העלד״, — עפּעס אַ באַנטשע דאַרט. ווייל אָן פּערספּעקטיוו איז נישטאָ קיין קונסט, אַזוי איז דאָך דער פּסק הלכה.

און ס׳וואָלט געבליבן אַ וועג אָן אַן ענד! אונזער רעאַליזם וואָלט געווען סאַטיריש־שטראָפעריש, ראָמאַנטיש סענטימענטאַל — העכסטנס מגידיששרה־בת־טובים׳דיק אָדער אייראָפּעאיש נאָכמאַכעריש מיט געקאַנטיקטע אותיות מרובעות.

יאָ, שווער צו זיין אַ ייד! אָבער מ׳איז עס און אַז מ׳פילט אין זיך די שמחת המצוה פון „שלא עשני גוי״, פון

„וואָס מיר זיינען זיינען מיר

אָבער יידן זיינען מיר״.

באַקומט מען איך זיך דעם יידישלעכן בטחון פון „אשא עיני אל ההרים״! וואָסער געוואַלטיקער פּערספּעקטיוו פאַר אַזעלכע אויפגעהויבענע אויגן! ס׳האָט אין זיך די שעפערישקייט וואָס ציט זיך נאָך פון ששת ימי בראשית. און ציט זיך ביז „שמיי דריי בראשית״ — מ׳ווערט דערמלט אַ יושב בשמים ישחק״, מ׳באַשאַפט דאָס גרויסע יידישע געלעכטער. און „לאַכט מען דען נישט אין לעמבערג ווי מ׳וויינט אין קיעוו?

שלום עליכם׳ס הומאָר איז דאָס בטחונדיקע שמייכעלע פון יידישן גלייכווערטל, פונם יידישלעכן טיפן קנייטש, פון גרויסן בעל־בטחון, איבער זיך אַליין צו שטיין, זיך אַליין אויסצולאַכן, איבער אייגענע שוואַכקייטן זיך פריילעך צו מאַכן. און קאָן זיין אַ טיף גרעסערער דיסטאַנץ ווי דאָס?

און שלום עליכם׳ס פאָרעם איז דער אַלטער אָריענטאַלישער מאָזאַאיק, פון די גאָר אַלטע נאָך פון פאַר ביזאַנטינישער, יידישלעך אויסגעפלאַסטערטע בתי־כנסיות און בתי מדרשים.

פון אָט די שטיקלעך גלייכווערטלעך, פלאַסטערט ער אויס זיין ספּור המעשה, פון דעם געפונענעם יידישן פאָלקלאָר שטעלט ער צוזאַם זיינע געקעסטלטע מעשות.

קונסט? שונד? און קאָן מען דען בכלל די ליבע פאַרשונדעווען, אַז

אין די גרעסטע וואָרט שאַפונגען קומט זי דאָך נאָך אַרויס געקינסטלט!...

וואָס מער ספּור המעשה, וואָס מער „האַנדלונגען“! ער שטעלט דאָך נאָר זיינע פאַרשוינען נאָר אַזוי אויס, ער רעזשירט זיי דאָך נאָר, ער סופלירט זיי נאָר בלויז אַ ביסל אונטער און זיי ריידן מיט זייערע הועיות, און זיי באַוועגן זיך און „האַנדלען“ מיט זייערע תנועות — אַלטע באַקאַנטע פאַרשוינען. מיר קענען זיי נאָך פון „שמיי דריי בראשית“, ער שלום ראַבינאָוויטש גיט זיי נאָר אָפּ שלום־עליכם! ער גיט זיי נאָר אָפּ זיין גרויסן ברוך הבא און די גאַנצע מעשה איז שוין דאָ.

און נישט נאָר האָט יעדעס יידישע וואָרט אין זיך טויזנט מעגלעכקייט פאַר באַוועגונג און האַנדלונג, ווייל זיי זיינען פול מיט תנועות און הועיות, נאָר יעדעס וואָרט איז פול מיט ראָלן־פאַרוועקסלונג. יעדן וואָרט קאָן מען אָנטון דער באָבעס טשיפּיק און דעם „ראַשעק פערדרייען“. מיט וויפל וואַריאַציעס קאָן מען דאָס וואָרט „נעבעך“ נישט אַרויסריידן? עס האָט אין זיך די העכסטע סקאַלע פון רחמנות און ערנסט, ביז צו דער נידריקסטער קווינטע פון איראָניע און לצנות.

ניין, שלום עליכם האָט נישט געמוזט ערשט לערנען דראַמאַטישקייט פון ראָלען־פאַרטוישונג פון מאָליערן, ווען דאָס מעדיום פון זיין שאַפן איז געווען יידיש, אַז שוין דאָס וואָרט קאַטאָוועס שטאַמט דאָך פונם כטעות. אַז דאָס וואָרט חוזק מיינט אויסלאַכן אַ שוואַכן; ווייל דאָס וואָרט אַליין טראָגט שוין אין זיך דעם קאָמישן שאַפונגס פּראָצעס, ווייל דאָס וואָרט גופא איז אַ געשאַפנס — אַן אידיאָם! אַ פאָלקלאָר וואָרט איז אַ טערמין, אַ פּאַראָל — עס וויל עפּעס מוסר זיין לדורות.

יאָ, די גרויסקייט פון שלום עליכם'ען און זיין כוח איז ווייל יידיש איז געווען דאָס מעדיום פון זיין שאַפן. שלום עליכם האָט אַרויסגעלייענט פון די אויגן פון אונזער מאַמע לשון און געשאַפן זיינע ווערק. און זיין געלעכטער איז די פרייד פונם עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי — די גרויסע קאַמעדיע פאַרוועקסלונג! און ווער נאָך ווי שלום עליכם'ס אַ יידינע איז פול מיט צרות און מיט קללות — דערפאַר מיט אַזויפיל פרייד און מיט אַזויפיל מזל ברכה!

איך וויים נישט אויב שלום עליכם איז דאָס דער דראַמאַטיקער, אָבער אַז זיין קאָמישן „ונהפוך הוא“ האָט ער נישט ערשט געמוזט לערנען ביי מאָליערן דאָס איז שוין איינמאָל זיכער.

**עיקר שכחתי:** די רעצענזיע איבערן פיינעם שפילן פונם גאַנצן אַנסאַמבל —אָבער דאָס אין קומענדיקן העפטל!

יאָ מיר לעבן נאָך, מיר פירן נאָך דעם „שומער־משפט“. דער שאריח ישראל איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשומערט. און די היינטיקע שלום עליכם פאַרשטעלונג צום 30-סטן יאָרצייט האָט עס דייטלעך באַוויזן. דער גרויסער עולם אינם געפּאַקטן זאַל האָט הארציק געלאַכט און אַן הנאה געהאַט נישט ווייניקער „חלילה“ ווי ביי אַ צווייט־ראַנגיק ספּעקטאַקל . . . און קיין „לאָך“ אין דער קאַסע איז אויך נישט געוואָרן דערפון . . .

**א. נ. ש.**



# א גרויסער שלום עליכם פאָלקס קאָנצערט

„פריינט פון יידיש־לשון“ האָט פּראָקלאָמירט צום 30־טן יאָרצייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער צוויי חדשים שלום עליכם פייערונגען.

די דערעפענונג איז פאָרגעקומען שבת דעם 11טן מאַי אין דער אָלד קינגס האָל, וואו עס האָבן זיך באַטייליקט אַלס רעדנער דער לייטער פון די שבת־נאָכמיטאָגס, א. נ. שטענצל, משה עובד און אליהו פּאָלושאַק. אַ גרויסע איבעראַשונג איז געווען פאַרן עולם דער בעסראַבישער זינגער יעקב מאיר. — אַ נישט־פּראָפעסיאָנעלער, דערפאַר אָבער אַ קענער און אַ פריינט פונם יידישן ליד. מיט זיין מעכטיקן באַריטאָן האָט ער באַהערשט אי דאָס מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געזונגען, אי דאָס פּובליקום. וואָס האָט זיך צוגעהערט צו שלום עליכם לידער, סתם פאָלקס־לידער און חסידישע מאָטיוון.

די צווייטע עטאַפּע פון די פאָרטגעזעצטע פייערונגען איז געווען דאָס גרויסע שלום־עליכם פאָלקס־קאָנצערט, זונטיק דעם 2־טן יוני נאָכמיטאָג מיט אַ גרוים מוזיקאַליש-ליטעראַריש פּראָגראַם, איינגעטיילט אין צוויי טיילן. אָנגעהויבן האָט זיך אי דער ערשטער און אי דער צווייטער טייל פונם פּראָגראַם מיט דעם פאָלקס־מאָטיוו: „פרעגט די וועלט די אַלטע קשיה?“, אַ מאָטיוו, וואָס שלום עליכם פלעגט אונטערצוזינגען, ווען ער איז געזעסן ביים שרייבטיש און האָט געשאַפן זיינע אומשטערבלעכע ווערק. א. נ. שטענצל האָט גערעדט איבער שלום עליכם, דעם פאָלקס־שרייבער (פאָלקס־ליד און פאָלקלאָר). משה עובד אַלס פּרעזידענט פון „פריינט פון יידיש־לשון“ האָט וואַרים און האַרציק באַגריסט אַלעמען: איינגענע, געסט, קינסטלער, און העלפער. נאָכדעם האָט יעקב מאיר געזונגען שלום עליכם'ס „וויגליד“, „צען ברידער זענען מיר געווען“ און „אויפן פּריפּעטשאָק“. סעם פעלטן האָט געזונגען לידער פון פּרץ, איציק פעפער און אַ פאָלקס־ליד „פרילינג־טאַנץ“, מוזיק פון יוסף ביאַלסקי. דער באַקאַנטער אַקטיאָר יודל גאָלדבערג האָט וואַרים און לעבעדיק געלעזן „ס'אַ לינן“ פון שלום עליכם און די סוברעטע נערמא טאַלען האָט באַגלייט מיט אַן אַקאָרדעאָן, אויף איר אופן אינטערפרעטירט די פאָלקסלידער „דירה־געלט“, „וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען“ און אַנדערעס.

זייער שלום עליכם'דיק האָט געווירקט דאָראַ דימאַנט'ס פאַרלייענען „דאָס טעפל“, דעם באַקאַנטן מאָנאָלאָג פון אַ יידינע. אַ שאָד נאָר, וואָס זי האָט עס געמוזט קירצן.

אַ באַזונדערע נאָטע האָבן אינם פּראָגראַם אַריינגעבראַכט דזשין כהן און פלאָרענץ בראַנד, צוויי תלמידות פונם קאָמפּאָזיטאָר יוסף ביאַלסקי. זיי האָבן געזונגען איינצעלן: „שפּאַצירן זענען מיר געגאַנגען“ (מוזיק פון ענגעלס), היינריך היינע'ס „אזרא“ (מוזיק פון אַנטאָן רובינשטיין), און אַלס דועט: „דערהערט דעם גלאָק“ טעקסט און מוזיק פון ביאַלסקי, וועלכער האָט געהאַט

די מוזיקאַלישע לייטונג פונם גאַנצן פּראָגראַם און די באַגלייטונג אויפן פּיאַנאָ.

אַנזאָגער, אַדער קאָנפערענסיער בלע"ז, איז געווען אליהו פּאַלושאַק.

דער זאַל איז געווען אויסגעפילט ביז צום לעצטן פּלאַץ און כאָטש מען האָט קיין דערפרישונגען ( אויך אין דער פּויזע נישט) נישט אויסגעטיילט, האָט דער עולם איבער צוויי און אַ האַלבע שעה מיט אינטערעס נאָכגעפאָלגט דעם אינטערעסאַנטן פילזייטיקן פּראָגראַם.

איין דיסאָנאַנס מוז באַמערקט ווערן: דאָס איז דער אַלטער קלאַפּער־קאַסטן, פּיאַנאָ נעבעך. פון אַ שלעכטן פּיאַנאָ קען אויך דער בעסטער באַגלייטער נישט אַרויסבאַקומען קלאָרע ריינע טענער.

„פּריינט פון יידיש לשון" קען, אָפּגעזען פון קליינע מניעות, זיין צופרידן מיטן מאָראַלישן דערפאָלג פון דעם דאָזיקן קאָנצערט. אַלעמען: — אַנטיילנעמער, מיטווירקענדע און פּובליקום קומט צו זאָגן אַ שיינעם דאַנק.

א. פּ.

# די יידישע וועלטלעכע שולע ביים אַרבעטער-רינג

עס איז געווען אַ גוטער איינפאַל פון דער פרויען־סעקציע ביים אַרבעטער־רינג צו אַראַנזשירן אַ גלעזל טיי פאַר די געוועזענע שילער און שילערנס פון דער יידיש־וועלטלעכער שולע — שבת דעם 22־טן יוני.

אַז דער הויפּט־פאָרזיצער און גענעראַל־סעקרעטאַר און פאַרטרעטער פון אַלע בראַנטשעס זיינען געווען אָנוועזנט אויף דער שמחה — דאָס אַליין באַווייזט שוין דעם אָנזען און די וויכטיקייט וואָס די יידיש־וועלטלעכע שולע פאַרנעמט אינם האַרץ און מוח פונם אַרבעטער־רינג.

„זכרתי לך חסד נעוריך". מיר דערמאָנען זיך נאָך די פרייד און די שמחות, וואָס דאָס פּראָגרעסיווע יידישע לאָנדאָן האָט געהאַט בעת אַן אויפפיו ינג פון די קינ. יער פון דער דאָזיקער שולע, פון זייער זינגען און רעציטירן, און פון די גאָרטן־פאַרווײַלונגען, וואָס די פרויען־סעקציע פלעגט איינאָרדנען פון צייט צו צייט.

מיר ווילן נישט דערציילן איצט פון די שיין־געדעקטע טישן און פון די פיינגעהאַלטענע רעדעס פונם פאָרזיצער פונם שול־קאָמיטעט, פונם פאָרזיצער פונם אַרבעטער־רינג און פון אַלע דעלעגאַטן; מיר האָבן אויך נישט קיין פּרעטענזיעס, וואָס די שילער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול, איצט שוין דערוואַקסענע און צוריקגעקומענע פון די שלאַכטפעלדער, האָבן זייערע אַנטוואָרט־רעדעס געהאַלטן אויסשליסלעך אין ענגליש—און ערשט דורך אונזער גוט־געמיינטן געבייזער זענען זיי ערשט אַרויס מיט זייערע יידישע רעציטאַציעס און געזאַנגען און זיך פאַרענטפערט אין אַ פּראַכטפולן יידיש — דאָס געהער אַלץ צו נוסח לאָנדאָן. יעדער אָרט האָט זיך זיינע מנהגים, און אַ מנהג



ברעכט אַ דין; וואָס מיר ווילן איז פעסטשטעלן, אַז זעענדיק דעם אָפּקלויב פון די שילער, אַ 15 פון די בחורים און פון די מיידלעך, זענען מיר פולקאָם זיכער, אַז דער אַרבעטער־רינג האָט זיך מיט דער פרייער וועלטלעכער שולע געזיכערט איר צוקונפט אינם יידישן לאָנדאָן.

די גרופּע יונגע מענטשן, אַדורכגעדרונגען מיטן פּראָגרעסיוון געדאַנק און יידיש פילן זענען דער יונגער דור, וואָס וועלן ווייטער טראָגן אויף זיך דעם עול פונעם האָרעפּאַשנעם יידישן לאָנדאָן און די אחריות פאַרן גייסטיקן יידישן שאַפן.

אויב דער קאָמיטעט פון דער יידיש־וועלטליכער שולע האָט נישט דערגרייכט און פאַרמאָגט נישט דעם כוח צו שאַפן די פּערמאַנענץ פון אַ יידיש־וועלטלעכער און פּראָגרעסיווער דערציאונג דאָ אין לאָנדאָן, זיינען מיר זיכער, אַז איצט מיט דער יוגנט־גרופּע, וועלכע איז פון זיי געוואָרן דערצויגן, וועלן זיי זיין בכח ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט, און ווידער צוריק עפענען די יידיש וועלטלעכע שול.

די גרופּע יונגע מענטשן פאָרמען זיך יעצט אין אַ יוגנט־בונד. דעם ערשטן פאָרשלאָג וואָס מיר מאַכן זיי איז, אַז זיי, ווי יונגע פּראָגרעסיווע יידישע מענטשן זאָלן איבערנעמען די איניציאַטיוו אַריינצוטראָגן יידישע קולטור, די יידישע שפּראַך און דעם יידישן סאָציאַלן געדאַנק צווישן די אויסגעוואָרצעלטע און היימלאָזע יתומים, קינדער און יוגנטליכע, וואָס מען ברענגט דאָ אַהער נאָך לאָנדאָן און ווערן אַזוי גייסטיק פּראַנאַכלעסיקט.

מיר קענען עדות זאָגן אויף די גרויסע פרייד זייערע און באַגייסטערונג, ווען מיר האָבן אַמאָל די מעגלעכקייט צו קומען מיט זיי אין פאַרבינדונג, און ערשט די פרייד און באַגייסטערונג, ווען איר וועט עס טון!

**פּרץ זילבערבערג** פון לאָדזש,
באַפרייטער אין 1945 אין טערעזיענשטאַט טשעכאָסלאָוואַקיי,
היינט אין לאָנדאָן.

# א קליין בלימעלע פון אמאל

(אויפן אַש פון אַרטור זיגעלבוים)

דורך פאַרשיידענע וועגן און שליאַכן פון מיט בלוטיקע דערנער איז באַצירט מיין גאַנג אין מיין שוין אַלטער (כאָטש כ'בין נאָך גאַנץ יונג) געשיכטע. אַלט, דערפאַר וואָס לויטן נאָרמאַלן גאַנג פון אַנטוויקלונג איז עס אַ שרעקלעכער לויף פון די צייט. נאָרמאַל אַנטוויקלט זיך דער מענטשלעכער גייסט און פאַרשטאַנד אין אַ עוואָלוציאָנערן וועג. אָבער דורך שרעקלעכע אומשטענדן איז די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון אייראָפּעאישן יונגן דור איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן. און אויב נישט עוואָלוציאָנער, מוז עס זיין רעוואָלוציאָנער. אין טאַקע אַ רעוואָלוציאָנער קינדהייט, האָבן צו פאַרצייכענען אַלע

יוגנטלעכע פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט און ספּעציעל די געצייילטע יוגנטלעכע פון יידישן פאָלק, וועלכע מען האָט מיט אַזויפיל אומדערהערטער אכזריות אויסגעטראָטן און פאַרניכטעט.

געבליבן זיינען נור איינצלנע, אַזוי ווי נאָך אַ שרעקלעכן מבול. אויף די איינצלנע איז געפאַלן דורכן שרעקלעכן גורל, די לאַסט פון טראָגן אין זיך דעם כוח און התלהבות פאַרן ווייטערדיקן שפּינען דעם פאָדעם, פון די אַרויסגעריסענע העלדן און מאַרטירער פון אונדזער לעבעדיקן אָרגאַניזם. מיר מוזן צוריק ווערן בויער און זייער פון אונדזער רומרייכן פאָלק. אַ טרייסט און שטאַרקונג געבן אונדז די העלדן פון אונדזער פאָלק, ווי אויך די פּרעכטיקע מאָמענטן פון אונדזער דאַמאָלטיקן לעבן.

ווי פּרעכטיקע וועלטן מאָלן זיך ׳היינט יענע בילדער, וועלכע שטראַלן אַרויס מיט בלענקנדע ׳שטראַלן אין אונדזער היינטיקן טרויער. איך בין נישט איינער פון די גליקלעכסטע, וועלכע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט פאַר דעם קריג צו דערקענען די פּראַכט פון חברישן גייסט און ברידערלעכע צוזאַמענלעבונג, איך גלייב אַז יעדער איינער, פון אונדז האָט עס אַדורכגעלעבט, אפשר אין אַנדערע אומשטענדן.

אָט זיץ איך היינט אין לאָנדאָן, און פאַר מיינע אויגן שוועבן בילדער פון אומפאַרגלייכלעכן גלאַנץ. איין בילד וועלכעס איז ספּעציעל, פּריש אין זכרון, וואָלט איך געוואָלט מאָלן. איך טראָג זיך איבער מיט 9 יאָר צוריק קיין „סידעראַנדע“, אַ דאָרף אונטער ווילנע. עס זענען זיך צונויפגעפאָרן „סקיפּיסטן“ (סאָציאַליסטישע יוגנטלעכע) פון דריי שטעט: וואַרשע, לאָדזש און ווילנע. מיט אמתן גליק לעבט זיך די קליינע סאָציאַליסטישע קינדער רעפּובליק. יעדן איינעם פאַראייניקט דער גייסט פון חבר׳יש צוזאַמענלעבן. אין שאַרפן דעם גייסט פאַרגייען די טעג. עס גייט אַ געוועט וועגן פּאָליטישן וויסן. יעדער וויל זיין דער זיגער. אונטערן העלן הימל, אַרומגערינגלט מיט וואַסער, וואַלד און לאָנקעס פאַרברענגען מיר די וואָכן. מיר האָבן יעדער גרופּע געגעבן סימבאָלישע נעמען. די לאָדזשער גרופּע האָט געהייסן: „סאָליי־דאַריטעט“, די וואַרשעווער — „נא פּאַסאַראַן“ און די ווילנער — „בונד“.

און אָט איז אַ יום־טוב אין לאַגער. דער שליח פון צ.ק. פון בונד, חבר אַרטור זיגעלבוים איז געקומען צו אונדז. מיט לוסטיקע געזאַנגען ווערט אויפגענומען דער טייערער גאַסט.

באַלד ווערט גערופן אַ ספּעציעלער אַפּעל. אין אַ קרייז, שטייען אויסגעשטעלט אַלע לאַגעריסטן. אינמיטן דעם לאַגער פּלאַטערט די רויטע פאָן. נאָך אַ קורצער באַגריסונג פון פּרעזידענט פון אונדזער רעפּובליק חבר קלמן וואַפּנער, האַלט דער אומפאַרגעסלעכער העלד חבר אַרטור זיגעלבוים אַ פלאַמיקן רעפעראַט. אין פּרעכטיקע ווערטער שפּיגלט ער אָפּ אונדזער דאַמאָלטיקע לאַגע, און רופט צום אויסדויער אין פאַרשטייענדיקן קאַמף פאַר אַ בעסערער און גערעכטערער וועלט.

מיט אומבאַשרייבאַרע איינדרוקן ווערט פאַרענדיקט דער יובילדיקער



אַפּעל. ביינאַכט, אַ ספּעציעלער לאַגער־פייער. ביים שיין פון פלאַקערנדן פייער טאַנצן חברה, מיט געזאַנג. עס הילכן די פריידיקע לידער אין גאַנצן אַרום. דער חבר אַרטור, ווערט מיטגעריסן מיט אונדזער יוגנטלעכן ברען. ער זינגט מיט אַלע, מיט אונדזערע פרייהייט־לידער. עס ווערט גלייך געשאַפן אַ ליד פון חבר עלקע יאַנעס. די ווערטער הייבן זיך אָן:

בליץ און פלאַם, אַ פייער אין די נאַכט,
אַלץ אַרום איז שטיל, מען הערט קיין קלאַנג.
פלוצלונג שאַ, עס הערט זיך אַ געזאַנג,
פונקט ווי ס׳קנאַקן פון אַ פייער־צאַנג.
דערציילט אַ חבר און הייסט זיין גרייט,
צו אַ נייעם לעבן, פול מיט גליק און פרייד...

אין אָט די פּשוטע פאָלקס ווערטער ׳האָט זיך אויסגעגאָסן אונדזער גאַנצער התלהבות און גלויבן אין דעם ׳שענערן מאָרגן. נישט פאַרגעסן וועט זיין דער געזעגנונגס־אָוונט פאַרן חבר אַרטור. מיט די דערהויבנסטע געפילן זענען מיר זיך פאַנאַנדערגעפאָרן צוריק צו אונדזערע היימען, כדי דערמוטיקט און דערהויבן ווייטער העלפן בויען דעם בנין פון מענטשלעכן גליק. עס זענען אַדורך שוין 9 יאָר. 9 יאָר פון שרעקלעכן קאַמף פאַר עקזיסטענץ און לעבן. נישט איינמאָל איז שוין נישט געווען קיין האָפענונג צו לעבן. אָבער אויב מיר לעבן יאָ, זאָל זיין כאָטש איינער דאָ, לאָמיר הויך טראָגן די פאָן פון קאַמף פאַר אַ בעסערן און שענערן מאָרגן, פאַר אַזאַ לעבן ווי מיר האָבן געוועבט דאָרטן אין דעם דערפעלע ביי ווילנע, און פאַר וועלכן עס איז אומגעקומען דער גרויסער מאַרטירער, דער אומפאַרגעסלעכער חבר אַרטור זיגעלבוים. לאָמיר ווייטער שפּאַנען אין שפּאַן, כדי צו דערפילן דעם חוב לגבי אונדזערע גרעסטע און ווייזן, אַז זייער ביישפּיל איז נישט געבליבן פאַרגעסן.

## פריינט פון יידיש לשון און די יידיש וועלטלעכע שול

ביז די יידיש־וועלטלעכע שול ביים אַרבעטער רינג וועט זיך עפענען, — ביז וואָס ווען! . . . — בעטן מיר דעם קאָמיטעט פון דער „פריערדיקער“ שול זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונגען מיט אונדז און העלפן אונדז מיט אונדזערע וואָרט־קאָנצערטן און ליטעראַרישע אָוונטן (נישט געמיינט, „חלילה“, די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָק וואָס איז פאַר „אַלטע יידן“ . . . ) וואָס מיר האָבן שוין אָנגעהויבן אין די זונטיקס נאָכמיטאָקס פאַר די קינדער אַהערגעבראַכטע פון די דייטשע און טשעכישע קעמפּס. מיר האָבן ווייניק כוחות, אַז אונדזער אַרבעט זאָל קענען זיין אַ געהעריקע און צופרידנשטעלנדיקע. אפשר מיט שותפותדיקע כוחות וועט די אַרבעט בעסער אָנגיין. אויך וועט די אויטאָריטעט זיין שטאַרקער לגבי די, וואָס ווילן אונדז שטערן.

**פון יידישן פאָלקס-מויל**

## וויצן, גלייכווערטלעך און מעשהלעך

גערעהרט, געקליבן און באַאַרבעט דורך שלמה גאָלדענבערג

### 28. שפּריכווערטער

1. עס האַרט אים נישט — נאָר עס שטעכט אים.
2. ער רעדט שטענדיק פון „פּצון“ זייט 1).
3. זאָל זיין פון אַ קאָזאַק — אַבי צום לעבן 2).
4. אַ פרומע קאַץ — באַלעקט זיך תמיד.
5. אַן אָרימאַן טאָר קיין שיינעם טאַטן נישט האָבן 3).
6. אַמאָל געווען אַן עושר — איז שלעכט.
אַמאָל געווען קראַנק — איז גוט.
7. אַ פערד איז נישט קיין בהמה — שטייט ער אין אַ באַזונדער שטאַל.
8. אַ מענטש איז שוואַכער פון אַ פליג — און שטאַרקער פון אייזן...
9. יעדער בעל־דרשן — דרשנט פון זיינעטוועגן.

### 29. דער רוסישער גענעראַל שטאַב *)

גאַנץ פרי אין אַ זומער־טאָג, ווען די זון האָט גענומען אויפגיין רויט, איז מענדי, אַ יידישער סאָלדאַט פון די ערשטע פּאָזיציעס אַרויס אויף דער פריי־שער לופט און גענומען רייבן מיט דעם אַרבל פון דער העמד די פאַרשלאָפענע אויגן. אַ פּאָר מינוט האָט ער באַטראַכט די קאַרפּאַטן-בערג, וואו עס רוקן זיך אַרויס פון דעם נעפּל, די פעלדער אַרום דעם גאַנצן לאַגער, וואָס שלאָפט נאָך שטאַרק נאָך דער נעכטיקער שלאַכט און פּלוצלונג האָט אים אָנגענומען אַ טיפער טרויער. פריער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער גייט אַרום שוין טעג און וואָכן אָן אַ פּרוטה, און נאָכדעם, אַז ער איז אַ קיילעכדיקער יתום, וואָס

1. אַנשטאָט צפון־זייט, וועגן אַ מענטש וואָס דענקט פאַרקערט.
2. דאָס ווערט געזאָגט וועגן אַ ממזר.
3. ס'איז אַן איראָניע, עס שאַדט אים צו זיין פּרנסה.

1) די מעשה איז איינע פון פיל פאָלקס-מעשיות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914-1919) און האָט אַ שייכות צום אַלטן רוסלאַנד פון ניקאָליי דעם צווייטן...



האָט גאָר נישט פון וועמען צו ערוואַרטן הילף, און איינזאַמע דריבנע טרערן האָבן באַדעקט זיין מאָגערן פּנים...

ער איז געשטאַנען אַזוי פאַרגאַפט פון זיינע טרויעריקע געדאַנקען, אַז ער האָט נישט באַמערקט, ווי דער וועכטער, אַ פרייליכער שגץ פון דער אוק־ריינע, איז געקומען פון הינטן און האָט אים אַרויפגעלייגט אַ ברייטע, וואַרימע האַנט אויף דער פּלייצע... דער רוסישער סאָלדאַט האָט גוטמוטיק אַ דריי געטון דעם יידישן חבר און דערזעענדיק זיין אומעטיק פּנים, האָט ער אַ זאָג געטון גאַנץ ערנסט: וואָס איז מיט דיר, לאַנדסמאַן? דו וויינסט גאָר!... דער־צייל, וואָס האָט זיך געטראָפן?“

מענדל האָט גענומען דערציילן וועגן זיינע צרות, וועגן זיין איינזאַמקייט, וועגן זיין נויט, אָבער דער פּויער־יונג אין אַ גוטער שטימונג אין אַזאַ שיינעם פרימאָרגן האָט אים אויסגעהערט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און ווען מענדל האָט געענטפערט האָט ער אַ זאָג געטון האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַס: „דאָס אַלעס! דו זאָרגטס זיך פאַר געלט, אָבער איר יידן האָט דאָך אַ גרויסן גאָט, שרייב אים אַ בריוועלע, וועט ער שוין צושיקן אַ מתנה, מער ווי דו ווילסט אַליין!“...

מענדל האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז שוין אַ לאַנגע צייט, וואָס ער האָט, אין דעם רעש פון מלחמה, נישט געדאַוונט, נישט שחרית און נישט מנחה ומעריב, און האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם געדאַנק, כאָטש ער האָט נאָך ביז יעצט נישט געהערט וועגן אַזאַ מאָדנע וועג צו גאָט. עס איז אַ גוטע עצה — האָט מענדל אַ זאָג געטון צום וועכטער־חבר — אָבער דעם בריוו מוזט דו אַליין שרייבן... דו ביזט אַ כתבא רבא אין רוסיש **) און דו וועסט דאָס מאַכן פיל בעסער, ווי איך!“

דער שגץ האָט איינגעשטימט און נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער אָנגע־שריבן דעם בריוו צו גאָט בזה הלשון:

„צום הערן גאָט אין הימל,

„עס שרייבט צו דיר, גרויסער גאָט, אַ יינגל פון די אבות, אברהם יצחק ויעקב, מיט דעם נאָמען מענדל. איך בין אַ יתום, וואָס ער האָט נישט, ווער עס זאָל אים אַרויסהעלפן און איך געפין מיך אין גרויס נויט דאָ אין לאַגער פון דער רוסישער אַרמיע אויף די ערשטע פּאָזיציעס אין גאַליציען. איך בעט דיך פון מיין טיפן האַרצן אויף מיר רחמנות האָבן און מיר קומען צו הילף, ווי אַ טאַטע טאַקע באַלד. שיק מיר צו 25 רובל, כדי איך זאָל קענען צעפירן די הענט און קויפן פאַר זיך כשרע שפּייז, ווייל מיר איז שוין נמאס דאָס

2) אַלע בריוו פון פראָנט האָבן געמוזט זיין אין רוסיש און זיי זיינען דורכגעגאַנגען די צענזור פון גענעראַל-שטאַב...

טרפה'נע עסן, וואָס מען גיט אונז יידן דאָ אין לאַגער! מיט גרויס דרך־ארץ און ליבע, זייער אייניקל מענדל יאַמפּאָלסקי."

---

ווען דאָס בריוועלע געחתמעט פון מענדלען זעלבסט איז אָנגעקומען אין דער צענזור־אָפּטיילונג פון רוסישן־גענעראַל שטאַב, האָט מען דאָס צוערשט גענומען אַלס אַ שפּאַס און עס האָט גענומען אַרומגיין פון האַנט צו האַנט. אָבער גענעראַל אַלעקסעיעוו, דער הויפּט פון גענעראַל־שטאַב, האָט געהאַלטן אַז די זאַך איז גאָר נישט אַזוי פּראָסט, ווי זיינע משרתים באַטראַכטן עס. ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז עס געפינט זיך אַזאַ ייד אַ תם, וואָס נעמט שרייבן אַ בריוועלע צו גאָט מיט אַזאַ בקשה, און האָט גענומען פאַרדעכטיקן אין דעם עפּעס אַ דריידל, וואָס שמעקט מיט שפּיאָנאַזש... לויט זיין עצה האָט מען צוריקגעשיקט מענדלען אַן ענטפער פון הימל, מען האָט אין אים אַריינגעלייגט אַן אַסיגנאַציע פון צען רובל, און מען האָט גענומען נאָכקוקן מענדלס מעשים אויף טריט און שריט... דער ענטפער איז בעקאַנט געוואָרן אין לאַגער.

אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר טעג און מענדל האָט זיך נאָך אַמאָל באַגעגנט מיט דעם מחבר פון דעם בריוו טאַקע ווידער אויף דער וואַך. דער רוסישער סאָלדאַט האָט באַמערקט, אַז מענדל איז ווייטער טרויעריג, כאָטש דאָס מאָל האָט ער שוין מער נישט געוויינט.

„נו, וואָס ווייטער!" — האָט דער פּויער־יונג אַ זאָג געטון גוט מוטיג, „וואָס ביזטו ווייטער פאַרטרויערט! האָסט דאָך געקריגען אַ מתנה פון 10 רובל, האַ?"

„הער נאָר דו לאַנדס־מאַן" — האָט מענדל אַ זאָג געטון צום רוסישן חבר — „נעם שרייב מיר אָן אַ צווייטן בריוו און שרייב צו גאָט בזה הלשון:"

„גרויסער האַר אין הימעל. איך האָב בעקומען דיין שיינע מתנה פון 10 רובל און איך דאַנק דיר האַרציק פאַר איר, אָבער איך ווייס דאָך, אַז דו ביזט אַ אל מלא רחמים און האָסט מהסתם מיין בקשה ערפילט בשלמות. נישט מער דו האָסט געשיקט די שיינע מטבע פון 25 רובל דעם רוסישן גענעראַל־שטאַב און צווייטנס האָט מען אַראָפּגענגבט 15 רובל. בעט איך דיר אַ צווייטן מאָל שיק מיר דיין נדבה גלייך אויף מיין אַדרעס: צום סאָלדאַט מענדל יאַמפּאָלסקי אויף דער ערשטער רוסישער פּאָזיציע אין גאַליציע גלייך אין די הענט אַריין."

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט דער אוקריינישער לאַנדס־מאַן אָנגעשריבען פאַר מענדלען דעם צווייטן בריוועלע און דעם זעלבן טאָג איז דער צווייטער בריוו „אַדרעסירט ווי פריער, „צום גרויסען האַר אין הימל", אָפּגעשיקט געוואָרען מיט מענדלס חתימה, אָבער קיין ענטפער אויף אים האָט שוין מענדל נישט באַקומען....



## ידיעות מאַרבע כנפות־האַרץ

פּאַריז. — דאָ איז דערשינען אַ באַנד העברעאישע לידער מיט מוזיקנאָטן אין אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג פון ד"ר נ. שטערן און מ. שטערן.

* *

בוענאָס איירעס. — די לערך 400 טויזנט יידן אין אַרגענטינע, פאַרמאָגן אַ באַדייטנדע יידישע טאָג־פּרעסע, וואָכנבלעטער, זשורנאַלן, צוויי פּערמאַנענטע יידישע טעאַטער און דער עיקר — אַ ברייט־פאַרצווייגט שול־וועזן אין יידישער שפּראַך. לערך 10 טויזנט יידישע קינדער באַזוכן טעגלעך די פאַרשיידנסטע יידישע שולן און די צאָל שילער האַלט אין איין פאַרגרעסערן זיך. איינגיכן ווערט פאַרענדיקט אַ נייער יידישער שול־בנין, אויפגעבויט פון דעם שלום־עליכם שול־קאָמיטעט אין וועלכן עס וועלן זיך לערנען 1,600 יידישע קינדער.

אין בוענאָס־איירעס זענען טעטיק ביז 60 יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס נעמען אַ שטאַרקן אָנטייל אינם יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פונם אַזוי שעפּפערישן יידישן קיבוץ אין אַרגענטינע.

* *

מאָסקווע. — צו שלום־עליכם'ס 30־סטען יאָרצייט, האָט דאָס ביוראָ פון די יידישע שרייבער אין מאָסקווע איינגעאָרדנט אַ מאַסן־אָוונט מיט דער באַטייליקונג פון דוד בערגעלסאָן, לייב קוויטקאָ, איציק פעפער, א. קושנירוו, ש. האַלקין, פּרץ מאַרקיש און אַנדערע.

דעם 18־טן מאַי איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע סעסיע, געווידמעט דער שאַפונג פון שלום עליכם'ען וואָס איז געוואָרן אָרגאַניזירט פון דער קאַטעדרע פאַר דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך ביי דער יידישער טעאַטער־סטודיע אין מאָסקווע אויפן נאָמען פון פּראָפעסאָר מיכאָעלס.

* *

וואַרשע. — אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע לעבנגעבליבענע יידישע שרייבער, מיטגלידער פונם יידישן פּען־קלוב אין פּוילן איז באַשלאָסן געוואָרן, צו באַנייען די טעטיקייט פונם יידישן פּען־קלוב און אָנקניפּן באַציאונגען מיט די צענטראַלע אין לאָנדאָן און מיט די יידישע פּען־קלובן אין ניו־יאָרק און לאָנדאָן. אין דעם אויסגעוויילטן אויספיר־ביוראָ, זענען אַריין: ד"ר לעאָ פינקעלשטיין, רחל קאָרן און אברהם זאַק.

* *

בריסל. — אין אַנטווערפּן איז טעטיק אַ העברעאישע שול (אפשר די איינציקע אין גאַנץ אייראָפּע) אין וועלכער עס לערנען זיך ביז 300 יידישע קינדער, סרוב געראַטעוועטע פון קריסטלעכע היימען.

* *

וואַרשע. — אין משך פון די לעצטע פּאָר וואָכן, זענען צוריק געקומען קיין פּוילן פאָלגענדע יידישע שרייבער וואָס האָבן די מלחמה־צייט פאַרבראַכט אין סאָוויעט־רוסלאַנד: די דיכטערין רחל קאָרן, אברהם זאַק, מ. באָרענשטיין (די לעצטע צוויי מיטאַרבעטער פון וואַרשאָווער „מאָמענט"), דער העברעאישער ליטעראַט אלחנן אינדעלמאַן, דער דיכטער חיים לייב פוקס פון לאָדז, דער יונגער פּאָעט מאַטעס אַליצקי, דער

יידיש-פוילישער דיכטער ד"ר יחיאל האָפער, דער הומאָריסט ש. גאָלדשטיין (לוסטיקער פעסעמיסט), דער זשורנאַליסט אלחנן ליף (פון וואַרשאָווער „טאָגבלאַט"), דער מאָלער און מעטאַל-פלאַסטיקער חיים האנפט, דער פירער פון די לינקע פועלי־ציון אין לאָדזש אברהם קאַגאַן, דער דיכטער יוסף רובינשטיין, ל. לענעמאַן („מאָמענט") און יצחק פערלאָוו.

קיין לאָדזש זענען צוריק געקומען די באַקאַנטע עסקנים און פעדאַגאָגן פון ווילנע, די ברידער מיכאל און הערש ראַיעק, וואָס האָבן געזאַמלט א רייך־מאַטעריאַל פון דייטשע אכזריותן אין ווילנער געגנט. די מאַטעריאַלן וועלן דערשיינען אינם „שוואַרצן בוך", וואָס עס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דער באַקאַנטער סאָוויעטישער שרייבער וואַסילי גראָסמאַן.

* *

לאָדזש. — דאָ איז פאָרגעקומען דער חנוכת הבית פונם נייעם לאָקאַל פון פאַריין פון יידישע ליטעראַטן, זשורנאַליסטן און אַרטיסטן אין פוילן. ביי דער פייערונג האָבן אָנטייל גענומען איבער 150 מענטשן, צווישן זיי אויך אַ ריי פוילישע זשורנאַליסטן, ליטעראַטן און אַרטיסטן.

אַדרעס: אול. נאַרוטאָוויטשאַ 32, דירה 9, לאָדזש.

* *

פאַריז. — די „אָרגאַניזאַציע פון פוילישע יידן ביים פוילישן נאַציאָנאַל פאַרבאַנד אין פראַנקרייך", האָט פאַרעפנטליכט אַ „יזכור-בוך", געווידמעט די פון פראַנקרייך דעפּאָרטירטע יידישע קינסטלער, מאָלער און סקולפּטאָרן. די באַטרעפנדע אָרגאַניזאַציע האָט אויך אָרגאַניזירט אַ אָנדענק־אויסשטעלונג פון די שאַפונגען פון די אומגעקומענע יידישע קינסטלער.

* *

פאַריז. — דער „ייקוט" (יידישער קונסט־טעאַטער) אין פאַריז, פירט איצט אויף פרץ הירשביינס פיעסע „אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל", באַאַרבעט פון מ. קינמאַן. דעקאָראַציעס — מ. באַהעלפער. מוזיק — י. בערלינסקי. מחמת די אומגעהויערע שוועריקייטן צו באַקומען אַ פערמאַנענטן טעאַטער, איז דער „ייקוט", ווי אויך דאָס צווייטע יידישע טעאַטער אין פאַריז געצוואונגען צו שפּילן בלויז צו איין מאָל אין דער וואָך, ווען אַ טעאַטער איז צופעליק פריי אויף אַן אָוונט.

* *

פאַריז. — „אונזער וואָרט", וואָכן־אָרגאַן פון די פאַריזער רעכטע פועלי־ציון האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דריי מאָל אַ וואָך.

* *

וואַרשע. — דאָס וואָכנבלאַט „דאָס נייע לעבן" אין לאָדזש, ווערט איצט רעדאַגירט פון דעם באַקאַנטן יידישן פובליציסט ב. מאַרק, וואָס איז צוריק געקומען פון סאָוויעטן-פאַרבאַנד.

„דאָס נייע לעבן" האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ חודש־ביילאַגע פאַר יידישע קינדער.

* *

פאַריז. — אינם פאַריזער פאַרלאַג „מאַרוויט", וואָס האָט אַרויסגעגעבן דאָס יידישע בוך „פון בעלמער שול ביזן אייפל־טורם", גרייט צו אַ העברעאישע אויסגאַבע פון דעם בוך.

* *



# קולטור ידיעות פון דאָ

די צוויי חדשים־פייערונגען לכבוד שלום עליכמס 30־יאָריקע יאָרצייט זיינען אַדורך מיט גרויס דערפאָלג, „פריינט פון יידיש־לשון" האָט איינגעאָרדנט אייניקע רעפעראַט פאָרלעזונגען און אַ גרויסן פאָלקס קאָנצערט. און אויך אויפגעפירט שלום עליכמס „שווער צו זיין אַ ייד", מיטן אַנסאַמבל פון ניי יידיש טעאַטער, אַדלער סטריט.

* *

מאָנטיק דעם 8־טן יולי פירט אויף „פרנייט פון יידיש לשון" די „גרינער פעלדער" פון פרץ הירשביין.

* *

די שוישפּילערין פעלאַ פעלד פון פאַריזער „איקוט" ווײַלט איצט אין לאָנדאָן.

* *

דער העברעאישער פּאָעט ד. רוקח פון ארץ ישראל ווײַלט איצט אין לאָנדאָן.

* *

ה. לייוויק און ישראל אפרת האָבן פאַר צוויי וואָכן דאָנערשטיק געווײַלט אייניקע שעה אין לאָנדאָן אויף זייער צוריקרייזע פון די קעמפּס אין דייטשלאַנד. לויט ווי ס'איז אונז מיטגעטיילט געוואָרן האָבן זיי געהאַט פאַרשיידענע שוועריקייטן אויף זייער רייזע מצד די באַאַמטע.

* *

לויט ווי מיר הערן וועלן מיר האָבן דאָ בקרוב די באַקאַנטע אַרטיסטין מאָלי פּיקאָן.

* *

אין דער טעט־גאַלעריע איז אַ גרויסע אויסשטעלונג פון אַמעריקאַנישע קינסטלער אויף וועלכער ס'זיינען אויך באַטייליקט אייניקע יידישע קינסטלער.

* *

ביי מ. קאַץ איז געווען דעם 13־טן יוני אַ גלעזל טיי לכבוד דעם דערשיינען פון „די פרייע טריבונע".

* *

דער ייוואָ האָט איינגעאָרדנט אַ גלעזל טיי זונטיק דעם 30־טן יוני אין האָטל עספּלענאַדע וווּ עס האָבן גערעדט איבער די צילן פון ייוואָ ד"ר י. נ. שטיינבערג, לעאָ קעניק, און דער פאָרזיצער שלמה גאָלדענבערג.

* *

דער יידישער אַרבעט הילפס־קאָמיטעט אין ענגלאַנד, וועלכער ברענגט אַהער פון פאַריז 100 קינדער פאַר אַ חודש אויף ערהוילונג, אָרדנט איין אַ גרויסע פייערלעכע באַגריסונג פאַר די קינדער אין וועלכער „פריינט פון יידיש לשון" וועלן זיך מיטבאַטייליקן.

* *

„פרנייט פון יידיש לשון" האָט איינגעאָרדנט זונטיק דעם 30־טן יוני אַ וואָרט־קאָנצערט פון די אַריבערגעבראַכטע טשעכישע קינדער וואָס וווינען אינם יידישן שעלטער.

* *

„פריינט פון יידיש לשון" אָרדנט איין דעם חודש רעפעראַטן און פאָרלעזונגען לכבוד דעם 70־טן געבוירנטאָג פון אברהם רייזען.

* *

דאָנערשטיק דעם 4־טן יוני וועט ד"ר י. נ. שטיינבערג האַלטן אַ רעפעראַט אינם בן־אורי איבער אַמעריקע, און משה עובד וועט זיין, דער פאָרזיצער.

* *

אין פערלאג „אראראט" איז דער־שינען א הערצל־ביאגראפיע פון יוסף פרענקל, אין ענגליש — א שאד וואס נישט אין יידיש.

* *

שוין דעם דריטן חודש ווי דער בח"ד זשורנאל „אונזער וועג" איז נישט דערשינען. אין אונזער גייסטיק ארעמען יישוב — איז דאס אויך א קולטור־ידיעה אבער אויף דער פאר־קערטער זייט. (אייגענטלעך געהער די מיטיילונג ניכער אין „שטעקעלע אריין און שטעקעלע ארויס" אבער מיר האבן דעם חודש קיין פלאץ נישט פאר דעם רובריק.

* *

די קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ באקומען מיר מיטגעטיילט פון דער „איוונא"־אגענטור.

## „גרינע פעלדער" פון פרץ הירשביין

„פריינט פון יידיש לשון" מיט דער חברים טרופע פון „גרענד פאליי" אונטער דער אנפירונג פון מארק מארקאוו פירן אויף מאנטיק דעם 8־טן יולי דאס בארימטע מייסטערשטיק „גרינע פעלדער" פון פרץ הירשביין. עס ווערט איצטער 30 יאר, ווי דאס שטיק איז געווארן געשאפן. „גרינע פעלדער" גע־הערט צום קלאסישן רעפערטואר פון דער יידישער בינע.

איינע פון די אויפגאבן פון „פריינט פון יידיש־לשון" איז, אז אין אונ־זער ישוב זאל כאטש פון צייט און צייט אויפגעפירט ווערן איינס פון די ערנסטע און באדייטענדסטע קונסט־ווערק. מיר האבן אנגעהויבן מיט פרץ'ן, אריבערגעגאנגען צו דוד פינסקי און שלום עליכם. די איצטיקע אויפפירונג, איז די „גרינע פעלדער" און מיר דערווארטן אונזערע פריינט וועלן אויך דאסמאל אויספילן דאס טעאטער אזוי, אז דער אוונט פון 8־טן יולי זאל זיך אויך פארוואנדלען אין א יום־טוב אויף דער יידישער גאס.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאקס

(קינגס האל, 83, קאמערשל ראד, א.1. — 3 אזייגער בייטאג)

שבת דעם 6־טן יולי, א גרויס אברהם רייזען פייערונג. עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעדעס און פארלעזונגען משה עובד, דארא דימענט, י. ביעטש, אייזיק גאלדבערג, א.א.

שבת דעם 13־טן געווידמעט דעם שאפן פון איצטיקן ארץ ישראל.

שבת דעם 20־טן די טראדיציאנעלע ביאליק־ און הערצל־פייערונג.

שבת דעם 27־טן א פארטראג איבער אברהם רייזענס פראזע.



א הארציקן מזל־טוב
פאר דער זינגערין
לאה פייגענבלום
צו איר חתונה מיט
נתן דובינסקי
די יידיש ליטערארישע
שבת־נאכמיטאקס

א הארציקן מזל־טוב
פאר דעם רעדאקטאר פון די
„וואכנצייטונג"
שבתי שענפעלד און זיין פרוי
צו דער חתונה פון זייער זון
אהרן
מיט פריילין בעלא שימל

לשון און לעבן

א הארציקן מזל טוב
דעם חזן און זינגער,
דעם דריגענט יעקב שערמאן
מיט פריילין אסתר זלאטניק
צו זייער תנאים.
יידיש ליטערארישע
שבת נאכמיטאקס

דער „מארגען - זשורנאל"
פון ניו־יארק איז די פירענדע
יידישע טאג־צייטונג אין
אמעריקע.
דער „מארגען - זשורנאל"
איז די איינציקע יידישע צייטונג
אין דער וועלט, וואס האלט אויס
אין לאנדאן א ספעציעלן ביורא,
כדי טעלעגראפיש צו אינפאר־
מירן טאג־טעגלעך זיינע הונדער־
טער טויזנטער לעזער וועגן אל־
געמיינע און יידישע געשעענישן
אין אייראפע.
די „מארגען - זשורנאל"
לעזער אין לאנדאן און אין ענג־
לאנד קאנען באשטעלן די ציי־
טונג, ווען זיי שיקן צו פאראויס
א טשעק אדער פאסטל־ארדער
אויף £3.17.6 פאר א יאר, אדער
£1.19.0 פאר זעקס חדשים.
שרייבט דייטלעך אייער נאמען
און אדרעס (אין בלאק־שריפט)
און שיקט אייער באשטעלונג
אויפן אדרעס:
JEWISH MORNING
JOURNAL, Europeon
Buraus, 66, Woodland,
Golders Green, London,
N.W.11.
Telephone SPEedwell 7935

ג ר ע נ ד  פ א ל י י
לאנדאנער אידישער טעאטער
מענעדזשערעס: מרס. נ. אייזיקאוויטש
אונטער דער אנפירונג פון מארק מארקאוו
פארשטעלונגען שבת, זונטיק, מאנטיק, דינסטיק, מיטוואך, 7.30

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאררים מייער

די איינציגע טעגליכע

אידישע צייטונג אין

אייראפא.

יידישער ארבעטער
הילפס קאמיטעט
אין ענגלאנד

צו העלפן די יידישע ארבעטער
אין אייראָפּע

(רעגיסטרירט אונטער דעם מלחמה־
טשעריטעס אַקט 1940)

18/18a, ST. GEORGE ST.,
HANOVER SQUARE, W.1

מיט אַלע קאָמיוניקאציעס זיך
צו ווענדן צום

ערן־סעקרעטאַר ס. עלשטיין
18, וואָרלאַנד רייז, נ.10

נ י י - א י ד י ש   ט ע א ט ע ר

פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1

דירעקטאָריום: וו. קאַסאָף, ה. רייפעלזאָן, מרס. שאַפּיראָ.
טשערמאַן: מ. ביטלער. אָנפירונג: א. מייזעלס. האָנ. סעק.: א. ביטלער.

מאיר צעלניקער

און די קינסטלער קאָמפּאַניע לויט א"ב:

פרויען: אנא בוים, מארי גאָלדשטיין, קלאַראַ מייזעלס, מעטא סעגאל,
אנא צעלניקער, מיני שערמאן א.א.

מענער: מאָריס אַקסעלראָד, מאַקס בוים, דוד סעגאל, א. פוקס, יאָזעף
שערמאַן, נייטען שווארץ, א.א.
און די געסט: מרים קאַראַלאָוואַ און לעאָן בלומענזאָן.

מוזיק דירעקטאָר: פהיל בערנשטיין.

יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאָג געשלאָסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאָג
אוונט 7.

78

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

זעקסטער יאָרגאַנג    אויגוסט, 1946, לאָנדאָן    **נומער 8** (העפטל 79)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט:

דערלעבט יושר געפיל און גאולה — ** . . . . . 1
צו מיין טאָכטער (ליד) — **ר ח ל  ק אָ ר ן** . . . 5
יזכור נאָך חנה קאָוואַלסקי ע"ה — **מ ש ה  ע ו ב ד** . . 6
די חתונה (בילד) — **ח נ ה  ק אָ ו ו ל ס ק י** . . . 10
אַ ווילדע נאַכט (סקיצע) — **א ב ר ה ם  פ י נ ח ס  צ י ק ע ר ט** . 11
אַ לאַנד וואו עס רינט אייל און בלוט (צו די געשעענישן אין ארץ
ישראל) — **נ ח ו ם  ש ט ע נ צ ל** . . . . 15
איינער פון די „400" (די סיבה פון חורבן אַמאָל און היינט)
— **ה ר ב  ד ו ב  ו ו אַ ר ש אַ ו ו ס ק י** . . . 17
פאַרוואָס האָבן מיר מאַרשירט (אַ רעדע) — **א ל י ה ו  פ אַ ל ו ש אַ ק** 22
בוי חלוץ בוי! (מוזיק) — **י. ב י אַ ל ס ק י** . . . 26
משיח און זיין אייזעלע (סאָנעטן) ביי דער „בייכטע" פון פאָן פאַפּען
(צייט־ליד) — **א. נ. ש ט ע נ צ ל** . . . 27
אין אַ זומער פרימאָרגן (אַ מאָנאָלאָג) — **ו ו אָ ל ף  ר י ו ו ק י ן** . 31
דאָס חתונה בית הקברותל (באַלאַדע) — **י ו ס ף  ה ל ל  ל ע ו ו י** 34
אונזער נייער פּראָבלעם (פעליטאָן) — **ק י ט י  ב ר א ו ן** . 37.
אַ גאַסט אין לאָנדאָן (אינטערוויו) — **י. ב י ע ט ש** . . 40
ישראל זאַנגוויל (צו זיין 20־טן יאָרצייט) — **ל. ב. ה ע ר ו ו אַ ל ד** 44
יידישע בילדער אין דער רוסישער מוזיק — **ב אָ ר י ס  י אַ ג אָ ל י ס** 47
„געזאַמלטע לידער", די פּאַריזער ס'ק'י'ף־קינדער — א.נ.ש. . 49
אין די זיבעציקער... — **א י י ז י ק  ג אָ ל ד ב ע ר ג** . . 52
פון יידישן פאָלקס־מויל — **ש ל מ ה  ג אָ ל ד ע נ ב ע ר ג** . 56
לשון און ליטעראַטור פון די מזרח־אשכנזים . . . 58
יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (אויפרוף) — **י י ו ו אָ** . 59
פאַרבאַנד פון ווילנער יידן אין פוילן (אויפרוף) . . 60
ידיעות מארבע כנפות הארץ . . . . . 60
קולטור ידיעות פון דאָ . . . . . . 63
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס . . 64

פרייז 1 שילינג

**אבאנאמענט פאר דער יאר** 13ש.און 6פ.

אַדרעס פון רעדאַקציע

„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.